בעזהשי"ת

## קונטרס

# לאז נישט נאך

עס איז מחזק א איד, נישט נאכצולאזן און אויפגעבן זיין 'אמונה' אין באשעפער און אין דעם צדיק, טראץ די שווערע נסיונות און מחלוקת, וואס דורכדעם וועט אים זייער לעכטיג זיין אויף די וועלט און אויף יענע וועלט.

פארגעלערנט דורך

## כבוד קדושת הרב הצדיק מוהרא"ש זי"ע

ליל ששי שלח תשע"ד

געבויעט אויף די ווערטער פון הייליגן רבי'ן, אדונינו מורנו ורבנו

### רבי נחמן מברסלב, זכותו יגן עלינו

און אויף די ווערטער פון זיין תלמיד, מורינו הגאון הקדוש

### רבי נתן מברסלב, זכותו יגן עלינו

און עס איז צוזאמגעפלאכטן מיט פסוקים פון תורה, נביאים, כתובים, און מאמרים פון אונזערע הייליגע חכמים פון גמרא און מדרשים און הייליגן זוהר.

עס איז געברענגט געווארן צום דרוק
דורך חסידי ברסלב - נוא יארק יצ"ו

# היכל הקודש ברסלב

**181 Huschke Road,** Liberty NY 12747

היכל הקודש
**וויליאמסבורג**
**27 Skillman Street**
Brooklyn NY 11205
**718.384.1652**

היכל הקודש
**בארא פארק**
**4801 11th Ave,**
Brooklyn NY 11219
**347.760.5924**

היכל הקודש
**קרית יואל**
**8 Hayes Ct.**
Monroe NY 10950
**845.467.5299**

היכל הקודש
**קרית יואל**
**8 Premishlan Way.**
Monroe NY 10950
**845.243.0563**

היכל הקודש
**בלומינגראוו**
**24 Merriewold LN S**
Monroe NY 10950
**845.238.0804**

היכל הקודש
**מאנסי**
**32 Dolson Road**
Monsey NY 10952
**347.733.7551**

היכל הקודש
**ירושלים**
**רחוב רבי נחמן מברסלב 15**
**054.845.6150**

היכל הקודש
**בני ברק**
**רחוב ירושלים 2**
**052.760.5715**

צו הערן די
הערליכע שיעורים
פונעם ראש ישיבה שליט"א
רופט:

קול ברסלב
**212.444.9191**

חיזוק פאר די אידישע שטוב
**212.444.9169**

נדפס ע"י
**קרן הדפסה**
**היכל הקודש**
2623 State Route 52
Liberty, NY 12754
**718.387.2691**
www.BreslevCenter.com

# לָאז נִישְׁט נָאךְ

א.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט גֶעהַאט אַ גְרוֹיסְן תַּלְמִיד רֶבִּי נַחְמָן מְטוּלְטְשִׁין זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, זַיין זוּהְן דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אַבְרָהָם (בַּעַל מְחַבֵּר 'בֵּיאוּר הַלִּיקוּטִים' עַל לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן), פְלֶעגְט נָאכְזָאגְן פוּן אִים: אַז מֶען נֶעמְט אָן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס זַאךְ מִיט אַן 'עֶרְנְסְטְקֵייט', קֶען מֶען זוֹכֶה זַיין צוּ גָאר גָאר גְרוֹיסֶע זַאכְן.

וָואס הֵייסְט אַז מֶען נֶעמְט אָן דֶעם רֶבִּינְ'ס זַאךְ עֶרְנְסְט?! נָאר אֲפִילוּ וֶוען מֶען אִיז מְקוּרָב צוּ אַ צַדִּיק אִיז דָא בַּיי דֶעם פַארְשִׁידֶענֶע חִילוּקִים, אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט: בַּיי מִיר אִיז דָא דְרֵיי כִּיתּוֹת חֲסִידִים, אֵיין כִּתָּה

וָואס קוּמֶען עֶסְן קוּגְל אוּן קוּילִיטְשׁ, [בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן אִיז גֶעוֶוען גֶענוּג עֶסְן פַאר יֶעדְן אֵיינֶעם]; אֵיין כִּתָּה, וָואס קוּמֶען הֶערְן שֵׁיינֶע תּוֹרָה, [דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט וואוּנְדֶערְלִיכֶע תּוֹרוֹת]; נָאכְדֶעם אִיז דָא אַ דְרִיטֶע כִּיתָּה, וָואס אִיךְ בִּין בַּיי זֵיי 'אַיינְגֶעבַּאקְן' אִין הַארְץ! הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אוֹיסְגֶעפִירְט: אִיךְ וִויל אִיר זָאלְט זַיין פוּן דִי כִּתָּה וָואס אִיךְ בִּין אַיינְגֶעבַּאקְן בַּיי זֵיי אִין הַארְץ.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א, סִימָן קלה): אַ מֶענְטְשׁ דַארְף אַזוֹי שְׁטַארְק לִיבּ הָאבְּן דֶעם צַדִיק, אוּן זַיין אַזוֹי צוּגֶעבִּינְדְן צוּם צַדִיק, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט בַּיי יוֹנָתָן (שְׁמוּאֵל-א יח, א), וָואס עֶר אִיז גֶעוֶוען צוּגֶעבִּינְדְן צוּ דָוִד הַמֶלֶךְ מִיט אַ מוֹרָא'דִיגֶע לִיבְּשַׁאפְט, אוּן 'דָוִד הַמֶלֶךְ' הָאט גֶעזָאגְט אוֹיף אִים (שְׁמוּאֵל-ב א, כו): **נִפְלְאַתָה אַהֲבָתְךָ לִי מֵאַהֲבַת נָשִׁים**; וַוייל זֵיי הָאבְּן זִיךְ לִיבּ גֶעהַאט מִיט אַ אֶמֶת'ער לִיבְּשַׁאפְט וָואס בְּלַייבְּט אוֹיף אֵייבִּיג, אוּן מֶען קֶען דָאס נִישְׁט אָפְּהַאקְן (אָבוֹת ה, טז), נִישְׁט אַזוֹי וִוי 'אַמְנוֹן וְתָמָר', וָואס דִי לִיבְּשַׁאפְט אִיז נָאר גֶעוֶוען צוּלִיבּ אַ תַּאֲוָה,

און אֵיינְמָאל אַז די תַּאֲוָה הָאט זִיךְ גֶעעֶנְדִיגְט, הָאבְּן זֵיי זִיךְ שׂוֹין פַּיינְט גֶעהַאט (שְׁמוּאֵל-ב יג, טו).

די זֶעלְבֶּע זַאךְ די לִיבְּשַׁאפְט צוּם צַדִּיק דַארְף זַיין אַ גַאנְצֶער לִיבְּשַׁאפְט, און זַיין אִינְגַאנְצְן אָנְגֶעקְנִיפְּט און צוּגֶעבִּינְדְן צוּם צַדִּיק, אַזוֹי וִוי דֶער פָּסוּק זָאגְט בַּיי 'יַעֲקֹב אָבִינוּ' (בְּרֵאשִׁית מד, ל): **וְנַפְשׁוֹ קְשׁוּרָה בְנַפְשׁוֹ** - זַיין נֶפֶשׁ אִיז אִינְגַאנְצְן צוּגֶעקְנִיפְּט און צוּגֶעבִּינְדְן צוּ בִּנְיָמִין.

ב.

און וִוי אַזוֹי קֶען טַאקֶע אַ מֶענְטְשׁ קוּמֶען צוּ אַזַא שְׁטַארְקֶע לִיבְּשַׁאפְט צוּם צַדִּיק? נָאר אַז אַ מֶענְטְשׁ אַנֶערְקֶענְט: וואוּ עֶר אִיז גֶעוֶוען, און וִוי אַזוֹי עֶר הָאט אוֹיסְגֶעקוּקְט, און וֶוער הָאט אִים פוּן דֶעם אַרוֹיסְגֶענוּמֶען, און וֶוער בַּאגְלֵייט אִים נָאךְ בִּיז יֶעצְט אוֹיף יֶעדֶע רִיר, און וֶוער גֵייט אִים הֶעלְפְן אוֹיף וַוייטֶער אוֹיךְ, און אַז אַלֶע גוּטֶע זַאכְן וָואס עֶר וֶועט נָאךְ זוֹכֶה זַיין אִין זַיין לֶעבְּן, אִיז אוֹיךְ נָאר אִין די זְכוּת פוּן דֶעם צַדִּיק, וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אַנֶערְקֶענְט דָאס אַיין, וֶועט עֶר בְּלַייבְּן שְׁטֶענְדִיג מוֹרָא'דִיג צוּגֶעבִּינְדְן

צוּם צַדִיק, דֶער פְּרָאבְּלֶעם אִיז אָבֶער, אַז נִישְׁט יֶעדֶער מֶענְטְשׁ אַנֶערְקֶענְט דָאס, אוּן עֶר מֵיינְט אַז דָאס אִיז בְּלוֹיז אַ צַייטְוַוייליגֶער פַארְבִּינְדוּנְג, אַזוֹי וִוי לְמָשָׁל ׳בְּגַשְׁמִיוּת׳ וֶוען אַ מֶענְטְשׁ לַיידְט אוֹיף דִי נֶערְוְון, אוּן עֶר גֵייט צוּ אַ פְּסִיכִיַאטֶער[1], אוּן אֵיינְמָאל אַז עֶר וֶועט אוֹיסְגֶעהֵיילְט, קֶען עֶר שׁוֹין מֶער נִישְׁט דֶעם פְּסִיכִיַאטֶער, אוּן עֶר הָאט מִיט אִים מֶער גָארְנִישְׁט צוּטוּהְן.

אָבֶער דֶער אֱמֶת אִיז אַז ׳בְּרוּחְנִיּוּת׳ אִיז אִינְגַאנְצְן אַ אַנְדֶערֶע זַאךְ, אוּן אוֹיב אִיז דָא אַ צַדִיק וָואס קֶען זִיךְ

---

[1] וָואס דָאס אִיז אַ חָכְמָה וִוי אַלֶע חָכְמוֹת, אוּן דָאס אִיז הַיינְט גֶעוָוארְן אַ בִּיזְנֶעס וִוי מֶענְטְשְׁן וֶוערְן נֶעבֶּעךְ רַייךְ פוּן יֶענֶעמְס צָרוֹת, אָבֶער עֶס אִיז דָא פַארְשִׁידֶענֶע וֶועגְן וִוי אַזוֹי מֶען קֶען אַרוֹיסְנֶעמֶען אַ מֶענְטְשׁ פוּן זַיינֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען, וִוי אוֹיךְ אִיז שׁוֹין הַיינְט דָא פַארְשִׁידֶענֶע פִּילְן וָואס קֶענֶען אַסַאךְ הֶעלְפְן נֶערְוְון פְּרָאבְּלֶעמֶען, דֶער עִיקָר דַארְף אַ מֶענְטְשׁ אַנֶערְקֶענֶען אַז עֶר הָאט אַ חִסָרוֹן, אַזוֹי אַרוּם קוּמְט עֶר צוּ אֵיינֶעם וָואס קֶען אִים אַרוֹיס הֶעלְפְן, אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ״ן סִימָן סז): לְעוֹלָם קֶען מֶען אוֹיסְהֵיילְן אַלֶע מְשׁוּגָעִים, נוּ, אוֹיב אַזוֹי פַארְוָואס הֵיילְט מֶען זֵיי נִישְׁט אוֹיס? ! וַוייל דֶער מְשׁוּגָע׳נֶער זָאגְט: אִיךְ בִּין מְשׁוּגָע? דוּ בִּיסְט מְשׁוּגָע! אִיךְ דַארְף נֶעמֶען פִּילְן? דוּ דַארְפְסְט נֶעמְן פִּילְן! אוּן עֶר לָאזְט זִיךְ נִישְׁט הֵיילְן, מְמֵילָא בְּלַייבְּט עֶר מְשׁוּגָע רַחֲמָנָא לִצְלָן.

אַרָאפְּלָאזְן אִין דַיין בְּלָאטֶע, און עֶר שְׁפִּילְט מִיט דִיר אַזַא מִין שְׁפִּיל בִּיז דו מֵיינְסְט אַז עֶר אִיז דַיין חַבֶר, און אַזוֹי אַרום הָאט דִיךְ דֶער צַדִיק אַרוֹיסְגֶענומֶען פון דַיין בְּלָאטֶע, בִּיז דו טְרֶעפְּסְט זִיךְ שׁוֹין בַּיים חומָש, בַּיים מִשְׁנַיוֹת און גְמָרָא יֶעדְן טָאג, און נָאכְדֶעם לֶערְנְסְטו שׁוֹין מִדְרָשׁ אוֹיךְ יֶעדְן טָאג, און אַז מֶען גֶעט זִיךְ אַ קוק אָן נָאךְ אַ שְׁטִיק צַייט, זֶעהְט מֶען אַז בָּרוךְ הַשֵׁם אִיךְ הָאבּ 'מַעֲבִיר סִדְרָה' גֶעוֶוען יֶעדֶע וָואךְ אֵיין יָאר, צְוֵויי יָאר, דְרֵיי יָאר, און אִיךְ הָאבּ גֶעעֶנְדִיגְט שִׁשָׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה פוּנֶעף מָאל, צֶען מָאל, צְוָואנְצִיג מָאל וְכוּ', אַזוֹי הָאבּ אִיךְ אוֹיךְ זוֹכֶה גֶעוֶוען צו עֶנְדִיגְן שַׁ"ס, און ד' חֶלְקֵי שולְחָן עָרוךְ, מְמֵילָא אִיז דָאס אַן אֵייבִּיגֶע זַאךְ, און מֶען דַארְף דָאס שְׁטֶענְדִיג גֶעדֶענְקֶען, און מַכִּיר טוֹבָה זַיין דֶעם צַדִיק, און זִיךְ הַאלְטְן בַּיי אִים אֲפִילוּ עֶס זָאל זַיין וָואס עֶס זָאל זַיין, וַוייל עֶר הָאט מִיר גֶערַאטֶעוֶועט דֶעם לֶעבְּן, און גֶעבְּרֶענְגְט צו דִי אַלֶע גוטֶע זַאכְן וָואס אִיךְ הָאבּ שׁוֹין בִּיז יֶעצְט, און מֶען רֶעדְט שׁוֹין נִישְׁט וָואס נָאךְ אִיךְ וֶועל אַלְץ זוֹכֶה זַיין דורְךְ דֶעם צַדִיק אוֹיבּ אִיךְ וֶועל זִיךְ הַאלְטְן בַּיי אִים, אָבֶּער לֵיידֶער רוֹב מֶענְטְשְׁן זֶענֶען נִישְׁט אַזוֹי, און

זֵיי פַּארְגֶעסְן זֵייעֶר שְׁנֶעל דִי מוֹרָא׳דִיגֶע טוֹבָה וָואס דֶער צַדִיק טוּט מִיט זֵיי, בִּיז עֶס זֶענֶען דָא אַזַאלֶעכֶע וָואס וֶוערְן נָאךְ שׂוֹנְאִים אוּן בַּארֶעדְן דֶעם עֶרְלִיכְן אִיד וָואס הָאט זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ גֶעוֶוען פַאר זֵיי רַחֲמָנָא לִצְלָן.

ג.

בָּרוּךְ הַשֵּׁם אִיךְ הָאבּ מִיךְ פָארְגֶענוּמֶען מְשַׁמֵשׁ צוּ זַיין דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן מִיט אַן אֱמֶת, וִויבַּאלְד דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעבֶּעטְן אַז מֶען זָאל אַרַיינְבְּרֶענְגְן זַיין זַאךְ אִין דִי וֶועלְט, אַזוֹי וִוי עֶר הָאט גֶעזָאגְט אִין זַיין לֶעצְטֶע תּוֹרָה אוֹיף דֶער וֶועלְט [רֹאשׁ הַשָּׁנָה תקע״א] (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק ב, סִימָן ח): מֶען דַארְף זֶעהְן צוּ פַארְמֶערְן שְׁכֵנִים צוּם ׳בֵּית הַתְּפִלָּה׳; דָאס הֵייסְט, מֶען זָאל אַרַיינְבְּרֶענְגְן אַז נָאךְ אַ אִיד זָאל אָנְהֵייבְּן צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אוּן וִוי אַזוֹי קֶען מֶען רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן?! אַז דִי אֱמוּנָה אִיז שְׁטַארְק! דֶערְפַאר הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זֵייעֶר גֶעוָואלְט אַז מֶען זָאל רֶעדְן אַסַאךְ פוּן אֱמוּנָה, אוּן דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט אָפֶען אוּן קְלָאר (שִׂיחוֹת הָרַ״ן סִימָן

רכ; לה): פַאר מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען וֶועט זַיין אַ מַבּוּל פוּן 'אַפִּיקוֹרְסוּת', אוּן פוּן אוֹיבְּן וֶועט מֶען גִיסְן אַפִּיקוֹרְסוּת אוֹיף דִי וֶועלְט פַאר אַ נִסָּיוֹן, אוּן אִיךְ וֵוייס אַז עֶס וֶועט נִישְׁט נוּצְן אֲפִילוּ אִיךְ הָאבּ דָאס שׁוֹין פָארְאוֹיס גֶעזָאגְט, נָאר פַארְוָואס זָאג אִיךְ עֶס? כְּדֵי אַז דִי קְלֵיין בִּיסֶעלֶע עֶרְלִיכֶע אִידְן וָואס וֶועלְן בְּלַייבְּן שְׁטַארְק בַּיי דִי אֱמוּנָה, זָאלְן זִיךְ מְחַיֶה זַיין, וֶוען זֵיי וֶועלְן זֶעהְן אַז מֶען הָאט שׁוֹין גֶערֶעדְט פוּן פַארְדֶעם וָואס עֶס וֶועט זַיין (עַיֵּין וַיּוֹאֶל מֹשֶׁה, מַאֲמַר יִשּׁוּב אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, סִימָן קנ, וּמַסִּיק שָׁם בְּסוֹפוֹ, שֶׁכָּל הָעִנְיָן הַזֶּה הוּא 'רוּחַ הַקּוֹדֶשׁ' שֶׁרָאָה הרה"ק מוֹהֲרַ"ן מִבְּרֶסְלֶב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, מַה שֶּׁיַּגִּיעַ אֵלֵינוּ בְּעִיקְבָא דִמְשִׁיחָא).

אוּן וָואס אִיז טַאקֶע דִי בַּאשִׁיצוּנְג אַקֶעגְן דֶעם מוֹרָא'דִיגְן מַבּוּל פוּן אַפִּיקוֹרְסוּת? "תְּפִלָּה"! אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א, סִימָן ט; קיב): דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעהֵייסְן פַאר נֹחַ עֶר זָאל מַאכְן אַ תֵּיבָה, ווַייל עֶר גֵייט שִׁיקְן אַ מַבּוּל, אוּן דוּרְךְ דִי תֵּיבָה וֶועט עֶר נִיצוֹל וֶוערְן פוּן דֶעם גְרוֹיסְן מַבּוּל. אוּן וִוי בַּאקַאנְט (עַיֵּין סֵפֶר בַּעַל שֵׁם טוֹב, פַּרְשַׁת חֻקַּת) אִיז דִי תּוֹרָה אַ 'נִצְחִיּוּת' אוּן אַ

אֵייבִּיגֶע זַאךְ, אוּן יֶעדֶע זַאךְ וָואס עֶס שְׁטֵייט אִין דִי תּוֹרָה אִיז נָאךְ הַיינְט אוֹיךְ שַׁיָיךְ, אוּן עֶס קוּמְט אוּנְז עֶפֶּעס צוּ לֶערְנֶען (עַיֵּין זֹהַר הַקָּדוֹשׁ פַּרְשַׁת בְּהַעֲלוֹתְךָ, דַּף קנב ע״א), זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אַז דִי תֵּיבָה אִיז אוֹיךְ דָא הַיינְט, אוּן וֶוער עֶס וִויל גֶערַאטֶעוֶועט וֶוערְן פוּן אַלֶע בִּלְבּוּלִים אוּן פוּנְסְטֶערְנִישׁ אוּן מַבּוּל פוּן אַפִּיקוֹרְסוּת (עַיֵּין לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק א, סִימָן מד), דַארְף עֶר זִיךְ בַּאהַאלְטְן אִין דִי **תֵּיבָה** וָואס דָאס אִיז "**תְּפִלָּה**" (וְעַיֵּין בַּעַל-שֵׁם-טוֹב עַל הַתּוֹרָה פַּרְשַׁת נֹחַ מִסְעִיף טו, 'עַמּוּד הַתְּפִלָּה'). אוּן פוּנְקְט אַזוֹי וִוי בִּשְׁעַתְ'ן מַבּוּל זֶענֶען נָאר נֹחַ מִיט זַיינֶע קִינְדֶער וָואס זֶענֶען גֶעוֶוען אִין דִי תֵּיבָה נִיצוֹל גֶעוָוארְן, אַזוֹי אוֹיךְ פוּן דִי מַבּוּל פוּן אַפִּיקוֹרְסוּת קֶענֶען נִיצוֹל וֶוערְן נָאר דִי אַלֶע וָואס זֶענֶען עוֹסֵק אִין תְּפִלָּה.

אוּן פוּנְקְט אַזוֹי וִוי בַּיי דִי מַבּוּל כָאטְשִׁיג עֶס אִיז טַאקֶע נִישְׁט גֶעקוּמֶען אוֹיף אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל אַלֵיין (יְחֶזְקֵאל כג, כד; וְעַיֵּין בְּרֵאשִׁית רַבָּה לג, ו; זְבָחִים קיג ע״א), דָאךְ הָאט אָבֶער דִי וַואסֶער פוּן חוּץ לָאָרֶץ אַרַיינְגֶעדְרוּנְגֶען דָארְט אוֹיךְ, אוּן עֶס הָאט גֶעגֶעבְּן אַ שְׁוֶוענְק אוֹיס אַלֶעס וָואס עֶס אִיז גֶעוֶוען אִין אֶרֶץ

יִשְׂרָאֵל, וַוייל דֶער מַבּוּל הָאט דָאךְ אָפְּגֶעוּוישְׁט דִי גַאנְצֶע וֶועלְט, אַזוֹי וִוי דֶער פָּסוּק זָאגְט (בְּרֵאשִׁית ז, יט-כ), דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ - הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אוֹיסְגֶעפִּירְט - וֶועט אוֹיךְ זַיין פַּאר מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען, עֶס וֶועט זַיין גֶעוַואלְדִיגֶע כְּפִירוֹת אוּן אַפִּיקוֹרְסוּת, אוּן עֶס וֶועט זִיךְ אַריינְכַאפְּן אוּן דוּרְכְשְׁוֶוענְקֶן אֲפִילוּ אִין דִי כָּשֵׁר'ע הֶערְצֶער רַחֲמָנָא לִצְלָן (עַיֵּין כּוֹכְבֵי אוֹר, סִיפּוּרִים וּמְשָׁלִים סִימָן ד; וַיוֹאֵל מֹשֶׁה שָׁם).

ד.

דֶערְפַּאר דַארְף מֶען זֵייעֶר אַסַאךְ חַזֶר'ן דִי פָּשׁוּטֶ'ע אֱמוּנָה, דָאס הֵייסְט: אִיךְ גְלֵייב אִין בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אַז עֶר טוּט אַלֶעס, אוּן נָאר עֶר אִיז דָא, אוּן אוֹיסֶער אִים אִיז גָארְנִישְׁט דָא. כָּאטְשִׁיג יֶעדֶער אִיד הָאט אֱמוּנָה, וַוייל דָאס אִיז דָאךְ זַיין נְשָׁמָה (עַיֵּין לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א, סִימָן רעד), דָאךְ אִיז עֶס בַּיי אִים נָאר אַ קְלֵיינֶע פִּינְטֶעלֶע, אוּן דָאס דַארְף מֶען אַלְץ מֶער אוּן מֶער אוֹיפְבּוֹיעֶן אוּן גְרֶעסֶער מַאכְן, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט אִין חַזַ"ל (זֹהַר הַקָּדוֹשׁ, מִשְׁפָּטִים, דַף צד ע"ב; בְּרָכוֹת דַף י ע"א), דָאס הֵייסְט אַז מֶען דַארְף אַרְבֶּעטְן אַז דִי אֱמוּנָה זָאל

װֶוערְן גְרֶעסֶער און גְרֶעסֶער, בִּיז מֶען שְׁפִּירְט שׁוֹין אַזוֹי אָפֶּען 'אֱלֹקוּת', אַז מֶען שְׁפִּירְט אַז דֶער בַּאשֶׁעפֶּער אִיז דָא, בְּמֵילָא דַארְף אִיךְ רֶעדְן צוּם אִים.

וַוייל פַארְוָואס רֶעדְט נִישְׁט אַ מֶענְטְשׁ צוּם בַּאשֶׁעפֶּער? וַוייל עֶס פֶּעלְט אִים אִין דִי אֱמוּנָה! וַוייל אַז אַ מֶענְטְשׁ זָאל װֶוען וִויסְן אַז דֶער בַּאשֶׁעפֶּער אִיז שְׁטֶענְדִיג דָא מִיט אִים, און עֶר הֶערְט אִים אוֹיס יֶעדֶע אֵיינְצִיגֶע וָוארְט, וָואלְט עֶר שְׁטֶענְדִיג גֶערֶעדְט צוּ אִים מִיט אַן אֱמֶת, און מִיט אַ מוֹרָא'דִיגֶע בְּרֶען, נָאר וִויבַּאלְד אַ מֶענְטְשׁ וֵוייסְט דָאס נִישְׁט, לָאזְט עֶר זִיךְ נָאךְ פוּן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב, סִימָן סב). קוּמְט אוֹיס אַז אַ גַאנְצֶע אֱמוּנָה הֵייסְט װֶוען מֶען רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וָואס דוּרְכְדֶעם װֶוערְט מֶען נִכְלָל אִין בַּאשֶׁעפֶּער, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (דְבָרִים י, כא): הוּא תְהִלָּתְךָ וְהוּא אֱלֹקֶיךָ - דָאס רֶעדְן און לוֹיבְּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז אֵיינְס מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן (שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן נב).

דֶערְפַאר הָאט אוּנְז דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן קנד): פַארְוָואס אִיז עֶר גֶעקוּמֶען צוּ זַיין זַאךְ? וַוייל עֶר אִיז גֶעוֶועזְן אַזוֹי ווִי אַ "פְּרָאסְטַאק", אוּן עֶר הָאט אַסַאךְ גֶערֶעדְט צוּם בַּאשֶׁעפֶער. אוֹיךְ הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט (שָׁם; וְעַיֵין עוֹד לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב, סִימָן ק'), אַז עֶר הָאט גֶערֶעדְט מִיט אַסַאךְ גְרוֹיסֶע צַדִיקִים, אוּן זֵיי הָאבְּן אִים אוֹיךְ גֶעזָאגְט, אַז זֵיי זֶענֶען נִישְׁט גֶעקוּמֶען צוּ זֵייעֶר מַדְרֵיגָה, נָאר דוּרְךְ דֶעם וָואס זֵיי הָאבְּן גֶערֶעדְט אַסַאךְ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט אַ תְּמִימוּת.

אָבֶער צוּ רֶעדְן צוּם בַּאשֶׁעפֶער דַארְף מֶען אַוֶועק לֵייגְן דֶעם שֵׂכֶל, אוּן גְלֵייבְּן מִיט אַ מוֹרָא'דִיגֶע תְּמִימוּת, אַז דֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיז דָא אוּן עֶר הֶערְט מִיךְ אוֹיס, אוּן אַז אַ מֶענְטְשׁ זָאל דָאס אַרַיינֶעמֶען אִיז דִי שְׁוֶוערְסְטֶע זַאךְ, וַוייל גֶעוֶוענְטְלִיךְ אֲפִילוּ אַ מֶענְטְשׁ וָואס גְלֵייבְּט אִין בַּאשֶׁעפֶער, טְרַאכְט עֶר אָבֶער אַז דֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיז בַּאהַאלְטְן עֶרְגֶעץ

אִין דִי הוֹיכֶע עוֹלָמוֹת, און אַסַאךְ מֶענְטְשְׁן פַארְגֶעסְן לֵיידֶער אִינְגַאנְצְן אַז עֶס אִיז דָא אַ בַּאשֶׁעפֶער אוֹיף דִי וֶועלְט[2].

## ה.

אָבֶער אֲפִילוּ וֶוען מֶען אִיז שׁוֹין יָא זוֹכֶה צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דַארְף מֶען אוֹיךְ אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם בַּאשֶׁעפֶער, אַז מֶען זָאל זִיךְ נִישְׁט לָאזְן נַארְן, אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן נא): "דָאס אִיז זָאלְט מְקַבֵּל זַיין פוּן

[2] און דָאס אִיז דֶער טַעַם פַארְוָואס אַ גַנָב בַּאצָאלְט דָאפֶּעלְט (שְׁמוֹת כב, ג), וַוייל וֶוען עֶר וִויל גַנָבֶ'נֶען גֶעט עֶר זִיךְ קוֹדֶם אַ קוּק אוּם, צוּ קֵיינֶער אִיז נִישְׁט דָא, און דֶעמָאלְטְס גַנָבֶ'עט עֶר, בִּשְׁעַת דֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיז דָאךְ דָא, קוּמְט אוֹיס אַז עֶר מֵיינְט אַז מֶען קֶען זִיךְ פוּן בַּאשֶׁעפֶער אוֹיסְבַּאהַאלְטְן, און עֶר מַאכְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטֶענְס אוֹיגְן אַזוֹי וִוי כַּבְיָכוֹל דִי אוֹיגְן פוּן אַ בָּשָׂר וָדָם, און כְּאִילוּ דֶער בַּאשֶׁעפֶער זֶעהְט נִישְׁט יֶעצְט, דֶערְפַאר דַארְף עֶר בַּאצָאלְן כֵּפֶל (בָּבָא קַמָּא ע"ט ע"ב).

אַזוֹי אוֹיךְ זָאגְן חֲזַ"ל (בְּרָכוֹת כ"ח ע"ב): וֶוען רֶבִּי יוֹחָנָן בֶּן זַכַּאי הָאט גֶעהַאלְטְן פַארְן שְׁטַארְבְּן, הָאבְּן אִים דִי תַּלְמִידִים גֶעבֶּעטְן עֶר זָאל זֵיי בֶּענְטְשְׁן, הָאט עֶר זֵיי גֶעבֶּענְטְשְׁט: "הַלְוַואי זָאלְט עֶטְץ מוֹרָא הָאבְּן פַארְן בַּאשֶׁעפֶער אַזוֹי וִוי מֶען הָאט מוֹרָא פַאר אַ בָּשָׂר וָדָם". הָאבְּן זֵיי אִים גֶעפְרֶעגְט: דָאס אִיז דֶער גַאנְצֶע בְּרָכָה?! הָאט עֶר זֵיי גֶעזָאגְט: וֶוען אַ מֶענְטְשׁ גֵייט זִינְדִיגְן, קוּקְט עֶר זִיךְ פַארְדֶעם אוּם צוּ קֵיינֶער זֶעהְט נִישְׁט, און אַזוֹי זִינְדִיגְט עֶר. אָבֶער אַז אַ מֶענְטְשׁ לֶעבְּט מִיט 'הַשְׁגָחָה', שֶׁעמְט עֶר זִיךְ, וַוייל עֶר וֵוייסְט אַז דֶער בַּאשֶׁעפֶער זֶעהְט.

מִיר, אִיר זָאלְט זִיךְ נִישְׁט לָאזְן נַארְן, דִי וֶועלְט נַארְט אַייךְ״! ווייל אֲפִילוּ בַּיי 'תְּפִלָּה' קֶען מֶען זִיךְ אוֹיךְ נַארְן, אַזוֹי וִוי דִי גְמָרָא זָאגְט (בְּרָכוֹת ס״ג ע״א, לְפִי גִירְסַת עֵין יַעֲקֹב): **גַּנְבָא עַל פּוּם מַחְתַּרְתָּא רַחֲמָנָא קַרְיָא**. אַ גַנָב וֶוען עֶר וִויל זִיךְ אַרַיינְ'גַנָבֶ'נֶען אִין אַ הוֹיז, בֶּעט עֶר אוֹיךְ דֶעם בַּאשֶׁעפֶּער: **רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם!** יֶעדֶער זָאל יֶעצְט גוּט שְׁלָאפְן, אוּן אִיךְ זָאל טְרֶעפְן גְלַייךְ דִי גֶעלְט וְכוּ'.

קוּמְט אוֹיס אַז דֶער עִיקָר פוּן תְּפִלָּה אִיז אַז עֶס זָאל זַיין מִיט אַן אֱמֶת, אוּן אֱמֶת הֵייסְט אַז אִיךְ בֶּעט לוֹיט וִוי אִיךְ בִּין, אוּן לוֹיט מַיין מַדְרֵגָה (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק א, סִימָן קיב), אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק א, סִימָן לד): יֶעדֶער מֶענְטְשׁ הָאט זִיךְ זַיין אֵייגֶענֶע נְקוּדָה וָואס אִיז שַׁיָיךְ פַאר אִים אִין זַיין דֶעמָאלְטְסְדִיגֶער מַצָב; לְמָשָׁל וֶוען אַ מֶענְטְשׁ גֵייט אוֹיפְן גַאס, אוּן עֶר בֶּעהְט: **רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם!** ״הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל עֶנְדִיגְן אַ מַסֶכְתָּא הוּנְדֶערְט אוּן אֵיין מָאל״. כָאטְשִׁיג דָאס אִיז זֵייעֶר אַ שֵׁיינֶע אוּן גוּטֶע תְּפִלָּה, דָאךְ אִיז עֶס אִים נִישְׁט נוֹגֵעַ יֶעצְט אוֹיפְן מִינוּט, ווייל יֶעצְט

וֶוען עֶר גֵייט אוֹיפְן גַאס דַארְף עֶר בֶּעהְטְן: רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם! הֶעלְף מִיר אַז אִיךְ זָאל נִישְׁט קוּקְן אוֹיף קַיין פְּרוֹיעֶן. פּוּנְקְט אַזוֹי וִוי אַ סָאלְדַאט וָואס עֶר שְׁטֵייט מִיט דִי גֶעוֶוער בַּיי אַ מִלְחָמָה, בֶּעהְט עֶר דֶעמָאלְטְס: רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם! זֶעה אַז מֶען זָאל מִיר נִישְׁט שִׁיסְן, אוּן הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל קֶענֶען הַרְגֶ'ענֶען דֶעם שׂוֹנֵא. דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ יֶעצְט וֶוען דוּ הַאלְסְט אִינְמִיטְן אַ מִלְחָמָה מִיטְן שׂוֹנֵא וָואס עֶר וִויל דִיר נָאר מַכְשִׁיל זַיין בֶּעהְט נָאר וָואס דוּ דַארְפְסְט יֶעצְט.

בִּפְרַט יֶעצְט זוּמֶער וָואס דִי גוֹיִם גֵייעֶן אִינְגַאנְצְן אוֹיסְגֶעלַאסְן, אוּן אוֹיסְגֶעטוּהְן נַאקֶעט וִוי דִי חַיוֹת, דַארְף מֶען אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מֶען זָאל נִיצוֹל וֶוערְן פוּן דֶעם, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א, סִימָן רמב): אַזוֹי וִוי עֶס אִיז דָא 'אֲרִיךְ אַנְפִּין דִקְדֻשָּׁה', אַז וִוי אַ מֶענְטְשׁ דְרֵייט זִיךְ זֶעהְט עֶר נָאר דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַזוֹי אִיז אוֹיךְ דָא רַחֲמָנָא לִצְלָן 'אֲרִיךְ אַנְפִּין דִקְלִפָּה', אַז וואוּ עֶר גֵייט נָאר זֶעהְט עֶר אַ פְּרוֹי. דָאס אִיז דִי קְלָלָה וָואס עֶס שְׁטֵייט אִין דִי תּוֹכָחָה (דְבָרִים כח, לד): **וְהָיִיתָ מְשֻׁגָּע מִמַּרְאֵה עֵינֶיךָ אֲשֶׁר**

**תִּרְאֶה** – אַ מֶענְטְשׁ וֶוערְט נֶעבֶּעךְ אִינְגַאנְצְן מְשׁוּגָע פוּן אַלֶע שְׁמוּץ וָואס עֶר קוּקְט זִיךְ צַאם. וֶועגְן דֶעם דַארְף אַ מֶענְטְשׁ שְׁטֶענְדִיג בֶּעטְן מִיט אַן אֱמֶת דִי זַאךְ וָואס אִיז אִים נוֹגֵעַ דֶעמָאלְטְס.

אַ אִיד אִיז אַמָאל גֶעקוּמֶען צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי נָתָן זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, אוּן זִיךְ אוֹיסְגֶעוֶערְט אַז עֶס גֵייט אִים זֵייעֶר שְׁוֶוער דִי פַּרְנָסָה, דֶערְפַאר טְרַאכְט עֶר אָפְּצוּלָאזְן זַיין גַאנְצֶע סְטָאר, אַזוֹי וֶועט עֶר כָאטְשׁ קֶענֶען זִיצְן אוּן לֶערְנֶען אוּן דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן עֶר וִויל וִויסְן אוֹיף וָואס עֶר זָאל בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן? הָאט אִים רֶבִּי נָתָן גֶעזָאגְט: דוּ בֶּעהְט אוֹיף פַּרְנָסָה! הָאט עֶר אִים צוּרִיק גֶעפְרֶעגְט מִיט וואוּנְדֶער: אִיךְ הֶער דָאךְ שְׁטֶענְדִיג פוּן אַייךְ אַז דֶער תַּכְלִית אוֹיף דִי וֶועלְט אִיז נָאר 'תּוֹרָה וּתְפִלָּה'?! זָאגְט עֶר אִים: בַּיי דֶעם הַאלְטְסוּ נִישְׁט דֶערְבַּיי אֱמֶתְ'דִיג, וַוייל דַיין עִיקָר וֵוייטָאג אִיז יֶעצְט, אַז דוּ הָאסְט נִישְׁט קַיין פַּרְנָסָה, דוּ הָאסְט חוֹבוֹת, אוּן דוּ דַארְפְסְט צָאלְן דִירָה גֶעלְט, שְׂכַר לִימּוּד, גְרָאסֶערִי וְכוּ', אוּן דָאס וֶועסְטוּ בֶּעטְן

מִיט אַן אֱמֶת, דֶערְפַאר דַארְפְסְטוּ דֶער עִיקָר דָאס בֶּעטְן, אוּן אִינְמִיטְן וֶועסְטוּ שׁוֹין קֶענֶען בֶּעטְן פַאר נָאךְ זַאכְן.

דֶער פָּסוּק זָאגְט (תְּהִלִּים קמה, יח): **קָרוֹב ה׳ לְכָל קֹרְאָיו, לְכֹל אֲשֶׁר יִקְרָאֻהוּ ׳בֶאֱמֶת׳.** דָאס הֵייסְט, יֶעדֶער אִיד בֶּעט דֶעם בַּאשֶׁעפֶער, נָאר פַארְוָואס וֶוערְט עֶר נִישְׁט גֶעהָאלְפְן? וַוייל דֶער ׳אֱמֶת׳ אִיז נִישְׁט דָא, דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן דַארְף מֶען בֶּעטְן מִיט אֱמֶת. אוּן אַז אַ מֶענְטְשׁ אִיז דוּרְכְגֶעפַאלְן, דַארְף עֶר אוֹיסְדֶערְצֵיילְן דֶעם בַּאשֶׁעפֶער דֶעם גַאנְצְן אֱמֶת וָואס עֶר הָאט גֶעטוּהְן, אוּן אוֹיף דֶעם בֶּעטְן, אָדֶער אַז מֶען הָאט נִישְׁט קַיין ׳שָׁלוֹם בַּיִת׳ דַארְף מֶען דָאס בֶּעטְן דֶעם בַּאשֶׁעפֶער[3], וַוייל יֶעדֶע זַאךְ וָואס עֶס טוּט וֵויי, אוּן מֶען

[3] לֵייזֶער פַארְלֵייגְט זִיךְ דֶער סַמֶ״ךְ מֶ״ם צוּ צוּבְּרֶעכְן אִידִישֶׁע שְׁטוּבֶּער, אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ״ן סִימָן רסג): דֶער סַמֶ״ךְ מֶ״ם פַארְלֵייגְט זִיךְ מִיט אַלֶע כּוֹחוֹת עֶס זָאל נִישְׁט זַיין קַיין ׳שָׁלוֹם בַּיִת׳ בַּיי יוּנְגֶעלַייט, וַוייל אַזוֹי כַאפְּט עֶר זֵיי אַרַיין אִין זַיין נֶעץ, אוּן זֵיי קוּמֶען צוּ עֲבֵירוֹת רַחֲמָנָא לִצְלָן; דֶערְפַאר דַארְף אַ מֶענְטְשׁ זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן וָואס עֶר רֶעדְט, וַוייל אַז עֶר זָאגְט אַ וָוארְט וָואס עֶר הָאט נִישְׁט גֶעדַארְפְט זָאגְן, בְּלָאזְט זִי שׁוֹין, אוּן דוּ קֶענְסְט אִיר שׁוֹין נִישְׁט אִיבֶּערְבֶּעטְן, אַזוֹי וִוי חַזַ״ל זָאגְן (נִדָּה ל״א ע״ב): אַ מַאן אִיז בַּאשַׁאפְן גֶעוָוארְן פוּן עֶרְד וָואס אִיז וֵוייעְךְ, דֶערְפַאר קֶען עֶר זִיךְ

דַארְף עֶס מִיט אַן אֱמֶת, דָאס אִיז אַ רִיכְטִיגֶע אוּן אַ אֱמֶת'ע תְּפִלָּה, אוּן דָאס דַארְף מֶען בֶּעטְן.

ו.

אָבֶער וֶוער לֶערְנְט אוּנְז אוֹיס דִי אֱמוּנָה, אוּן צוּ קֶענֶען רֶעדְן צוּם בַּאשֶׁעפֶער מִיט אַן אֱמֶת, אוּן אַלֶע אַנְדֶערֶע מוֹרָא'דִיגֶע עֵצוֹת? נָאר דֶער צַדִיק! וָואס דָאס אִיז דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי, וַוייל אָן דֶעם צַדִיק וָואלְטְן מִיר קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעוִוויסְט דֶערְפוּן, אוּן אַוַדַאי נִישְׁט גֶעקוּמֶען צוּ דֶעם. אַזוֹי וִוי דֶער מְכִילְתָּא פְּרֶעגְט (פָּרָשַׁת בְּשַׁלַּח), אוֹיף דֶעם פָּסוּק (שְׁמוֹת יד, לא): **וַיַּאֲמִינוּ בַּה' וּבְמשֶׁה עַבְדוֹ**. אוֹיבּ דִי אִידְן הָאבְּן

גְרִינְגֶער בֵּייגְן, אוּן זִיךְ לָאזְן אִיבֶּערְבֶּעטְן, אָבֶער דִי פְּרוֹי אִיז בַּאשַׁאפְן גֶעוָוארְן פוּן אַ בֵּיין וָואס אִיז הַארְט, דֶערְפַאר קֶען זִיךְ עֶס נִישְׁט בֵּייגְן. אַזוֹי אוֹיךְ זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א, סִימָן רב), פַאר אַ פְּרוֹי דַארְף מֶען אָפְּגֶעבְּן אַסַאךְ כָּבוֹד. אָבֶער אוֹיבּ מֶען הָאט נִישְׁט קַיין שֵׂכֶל, אוּן מֶען רֶעדְט וָואס מֶען דַארְף נִישְׁט, אָדֶער מֶען טוּט אִיר וֵויי, אִיז שׁוֹין זֵייעֶר בִּיטֶער, בִּפְרַט אַז זִי לוֹיפְט שׁוֹין אַהֵיים צוּ דִי מַאמֶע, אוּן צוּרִיק צוּבְּרֶענְגְן אִיז שׁוֹין זֵייעֶר שְׁוֶוער, מֶען דַארְף שׁוֹין צוּקוּמֶען צוּ אַ שָׁלוֹם בַּיִת קָאמִיטֶע [וָואס זֵיי זֶענֶען אַ בַּאנְדֶע לִיגֶענֶערְס, בִּפְרַט אוֹיבּ מֶען נֶעמְט גֶעלְט פַאר דֶעם], דֶערְפַאר דַארְף אַ מֶענְטְשׁ אַסַאךְ בֶּעטְן פַאר 'שָׁלוֹם בַּיִת'.

גֶעגְלֵייבְּט אִין מֹשֶׁה אִיז דָאךְ אַוַודַאי אַז זֵיי הָאבְּן גֶעגְלֵייבְּט אִין בַּאשֶׁעפֶּער? נָאר זָאגְט דֶער מְכִילְתָּא: אַז דִי גַאנְצֶע אֱמוּנָה אִין בַּאשֶׁעפֶּער הָאבְּן זֵיי נָאר בַּאקוּמֶען דוּרְךְ מֹשֶׁה, אָן מֹשֶׁה רַבֵּנוּ וָואלְט מֶען נִישְׁט גֶעוִויסְט פוּן בַּאשֶׁעפֶּער; וַוייל נָאר דוּרְךְ דֶעם צַדִיק בַּאקוּמְט מֶען אֱמוּנָה אִין בַּאשֶׁעפֶּער (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א, סִימָן ז), אוּן נָאר דוּרְךְ דֶעם צַדִיק קֶען מֶען זִיךְ דֶערְהַאלְטְן, טְרָאץ אַלֶעס וָואס מֶען גֵייט דוּרְךְ אוֹיף דֶער וֶועלְט בְּמֶשֶׁךְ דִי לֶעבְּן, אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט אִין סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיוֹת (מַעֲשֶׂה א): אוֹיפְן 'וֶועג' הָאבּ אִיךְ פַּארְצֵיילְט אַ מַעֲשֶׂה וָואס וֶוער עֶס הָאט דָאס גֶעהֶערְט הָאט גֶעהַאט אַ 'הִרְהוּר תְּשׁוּבָה'.

עֶנְלִיךְ צוּ דֶעם זָאגְט אוֹיךְ דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי (לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א, סִימָן ו): עֶס אִיז דָא אַ וֶועג פוּן תְּשׁוּבָה, אוּן וֶוער עֶס ווִיל זוֹכֶה זַיין אָנְצוּקוּמֶען צוּ דֶעם וֶועג, דַארְף עֶר זַיין גוּט בַּאקַאנְט אוּן בַּאהָאוֶועט זִיךְ צוּ דֶערְהַאלְטְן אוֹיף יֶעדְן פַּאל, סַיי וֶוען עֶר גֵייט אַרוֹיף זָאל עֶר זִיךְ קֶענֶען דֶערְהַאלְטְן בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן זִיךְ נִישְׁט פַארְלִירְן, אוּן

סַיי וֶוען עֶר פַאלְט אַרָאפּ, עֶר פַּאלְט דוּרְךְ, זָאל עֶר זִיךְ אוֹיךְ קֶענֶען דֶערְהַאלְטְן, אוּן וִויסְן אַז עֶס אִיז דָא אַ בַּאשֶׁעפֶּער, וָואס דָאס זֶענֶען דִי שֵׁמוֹת [הֲוָיָ״ה אֱלֹקִים] וָואס עֶס בַּאטְרֶעפְט (112) ׳בָּקִי׳ [בַּאקַאנְט], אוּן צְוֵויי מָאל ׳בָּקִי׳ בַּאטְרֶעפְט וִויפִיל ׳דֶרֶךְ׳ (2 X 112=224), אוּן דֶעמָאלְטְס גֵייט מֶען אוֹיפְן רִיכְטִיגְן ׳דֶרֶךְ׳ פוּן ׳תְּשׁוּבָה׳.

כְּדֵי צוּ פַארְשְׁטֵיין גוּט וָואס אִיז דֶער וֶועג פוּן וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי רֶעדְט ? וֶועלְן מִיר קוֹדֶם פַארְצֵיילְן אַ מַעֲשֶׂה וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אַמָאל פַארְצֵיילְט (סוֹף שִׁבְחֵי הָרַ״ן סִימָן לו) :

אֵיינְמָאל הָאט אַ קֶענִיג גֶעשִׁיקְט אַ שְׁלִיחוּת מִיט דְרֵיי פוּן זַיינֶע מֶענְטְשְׁן צוּ אַ אַנְדֶערְן קֶענִיג, אוּן עֶר הָאט זֵיי אָנְגֶעזָאגְט : אִיר וֶועט יֶעצְט דַארְפְן דוּרְכְגֵיין אִין אַ אַנְדֶערֶע לַאנְד צְוִוישְׁן מַיינֶע שׂוֹנְאִים, דֶערְפַאר זָאלְט אִיר זַייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן אַז זֵיי זָאלְן נִישְׁט גֶעוָואוּיר וֶוערְן אַז אִיר הָאט עֶפֶּעס אַ בַּאהַאלְטֶענֶע שְׁלִיחוּת. פַארְן עֶרְשְׁטְן אִיז טַאקֶע גֶעלוּנְגֶען דוּרְכְצוּגֵיין דֶעם לַאנְד, אָן דֶעם וָואס אֵיינֶער זָאל

אֲפִילוּ כַאפְּן אַז עֶר אִיז אַ שְׁלִיחַ פוּנֶעם קֶענִיג. פַארְן צְוֵוייטְן אִיז שׁוֹין נִישְׁט גֶעלוּנְגֶען, אוּן מֶען אִיז אוֹיפְגֶעקוּמֶען אוֹיף זַיינֶע שְׁפִּירְן, אוּן מֶען הָאט אִים גֶעכַאפְּט אוּן גֶעפַּיינִיגְט עֶר זָאל זַיי אוֹיסְזָאגְן, אָבֶער עֶר הָאט זִיךְ אַרוֹיסְגֶעדְרֵייט פוּן זֵיי מִיט ׳חָכְמָה׳ אָדֶער מִיט ׳גְבוּרָה׳, אוּן עֶר הָאט זִיךְ גֶערַאטֶעוֶועט. דֶעם דְרִיטְן הָאט מֶען אוֹיךְ גֶעכַאפְּט אוּן גֶעפַּיינִיגְט מִיט אַלֶע מִינֵי פַּיינוּנְגֶען וָואס עֶס קֶען נָאר זַיין, דָאךְ הָאט עֶר זִיךְ נִישְׁט אִינְטֶערְגֶעגֶעבְּן, אוּן וַוייטֶער גֶע׳טַעֲנָה׳ט: אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קַיין סוֹד אַרוֹיס צוּגֶעבְּן! בִּיז מֶען הָאט גֶעזֶעהְן אַז עֶס הֶעלְפְט נִישְׁט גָארְנִישְׁט, הָאט מֶען אִים אָפְּגֶעלָאזְט [מִסְתָּמָא וֵוייסְט עֶר טַאקֶע גָארְנִישְׁט].

אַזוֹי זֶענֶען אַלֶע דְרֵיי אָנְגֶעקוּמֶען צוּרִיק צוּם מֶלֶךְ, הָאט דֶער מֶלֶךְ גֶעפְרֶעגְט: פַאר וֶועמֶען פוּן דִי דְרֵיי קוּמְט מֶער שְׂכַר? אִיז גֶעוֶוען אַ טֵייל וָואס הָאבְּן גֶעזָאגְט: דֶעם עֶרְשְׁטְן! וַוייל עֶר הָאט זִיךְ אַזוֹי גוּט אַרוֹיסְגֶעדְרֵייט. טֵייל הָאבְּן גֶעזָאגְט: דֶעם צְוֵוייטְן! וַוייל כָאטְשִׁיג עֶר אִיז שׁוֹין גֶעוֶוען אִין זֵייעֶרֶע הֶענְט, דָאךְ אִיז אִים גֶעלוּנְגֶען זִיךְ

אַרוֹיסְצוּדְרֵייעֶן. הָאט דֶער מֶלֶךְ אַלֵיין זִיךְ אָנְגֶערוּפְן: דִי שְׂכַר קוּמְט פַאר דֶעם לֶעצְטְן! וַוייל עֶר הָאט אוֹיךְ גֶעוָואלְט זַיין אַזוֹי ווִי דֶעם עֶרְשְׁטְן, נָאר עֶס אִיז אִים נִישְׁט גֶעגַאנְגֶען, מֶען הָאט אִים גֶעפַּיינִיגְט, אוּן דָאךְ הָאט עֶר זִיךְ נִישְׁט אוּנְטֶערְגֶעגֶעבְּן.

דֶער פְּשַׁט פוּן דִי מַעֲשֶׂה אִיז פָּשׁוּט, דֶער בַּאשֶׁעפֶער וָואס עֶר אִיז דֶער מֶלֶךְ מַלְכֵי הַמְלָכִים, שִׁיקְט אַרָאפּ אַ נְשָׁמָה אוֹיף דֶער וֶועלְט, מִיט אַ 'סוֹד' וָואס דָאס אִיז דִי 'אֱמוּנָה', אוּן עֶר וָוארֶענְט אִים אָן: דוּ גֵייסְט יֶעצְט דוּרְכְגֵיין מַיינֶע שׂוֹנְאִים, וָואס דָאס אִיז דֶער 'יֵצֶר הָרַע' (עַיֵין אוֹר הַחַיִים הַקָדוֹשׁ, דְבָרִים כ, א), אוּן דוּ זָאלְסְט זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן מֶען זָאל דִיךְ נִישְׁט פַארְכַאפְּן, וַוייל טָאמֶער יָא אִיז בִּיטֶער. אוּן אַזוֹי לֶעבְּט אַ מֶענְטְשׁ אָפּ זַיינֶע יָארְן ווִילַאנְג עֶס אִיז אִים בַּאשֶׁערְט, אוּן נָאכְדֶעם דַארְף עֶר צוּרִיק גֵיין צוּם בַּאשֶׁעפֶער, דֶער מֶלֶךְ מַלְכֵי הַמְלָכִים.

אוּן עֶס אִיז פַארְהַאן דְרֵיי כִּיתּוֹת וָואס גֵייעֶן דוּרְךְ אוֹיף דִי וֶועלְט: צַדִיקִים, בֵּינוֹנִים, רְשָׁעִים. דִי 'צַדִיקִים' הָאבְּן

אַזוֹי אוֹיסְגֶעפָּאפְּט דֶעם ׳יֵצֶר הָרַע׳, אַז עֶר הָאט בִּכְלַל נִישְׁט גֶעהַאט קַיין שְׁלִיטָה אוֹיף זֵיי, אַזוֹי וְוי חַזַ״ל זָאגְן (וַיִּקְרָא רַבָּה לה, א), אַז דָוִד הַמֶּלֶךְ הָאט גֶעזָאגְט: אִיךְ הָאבּ שְׁטֶענְדִיג נָאר גֶעוָואלְט גֵיין אִין בֵּית הַמִּדְרָשׁ, אָבֶער וְויבַּאלְד דֶער שָׂטָן הָאט מִיר נִישְׁט גֶעלָאזְט, הָאבּ אִיךְ אִים גֶעזָאגְט: אִיךְ גֵיי אִין טִיַאטֶער וְכוּ׳! אַזוֹי אַרוּם הָאט עֶר זִיךְ אַרוֹיסְגֶעדְרֵייט פוּן יֵצֶר הָרַע, אוּן זַיינֶע פִּיס הָאבְּן אִים שׁוֹין גֶעטְרָאגְן אִין בֵּית הַמִּדְרָשׁ[4].

דִי צְוֵוייטֶע כִּתָּה וָואס זֶענֶען דִי ׳בֵּינוֹנִים׳ ווִילְן אוֹיךְ זַיין עֶרְלִיךְ, אָבֶער דֶער יֵצֶר הָרַע הָאט זֵיי שׁוֹין גֶעכַאפְּט, דָאךְ גֶעלוּנְגְט זֵיי נָאכְדֶעם זִיךְ אַרוֹיסְצוּדְרֵייעֶן פוּן זַיינֶע הֶענְט,

---

[4] אַזוֹי אִיז אוֹיךְ בַּאקַאנְט אַז דֶער הֵיילִיגֶער רָאפְּשִׁיצֶער רָב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט גֶעזָאגְט פַאר זַיין פְּטִירָה: אִיךְ הָאבּ אַגַאנְץ לֶעבְּן אַזוֹי גוּט אוֹיסְגֶעשְׁפִּילְט דֶעם יֵצֶר הָרַע, אַז עֶר הָאט אֲפִילוּ נִישְׁט גֶעכַאפְּט וָואס אִיךְ ווִיל, אוּן וֶוער אִיךְ בִּין. אוֹיף זַיין מַצֵּבָה שְׁטֵייט טַאקֶע אַ מוֹרָא׳דִיגֶע לָשׁוֹן: ׳יָחִיד בְּדוֹרוֹ בְּחָכְמַת אֱלֹקוּת׳. וַוייל עֶר אִיז גֶעוֶוען אַ מוֹרָא׳דִיגֶער חָכָם, אוּן עֶר הָאט זִיךְ גוּט אַרוֹיסְגֶעדְרֵייט פוּנֶעם יֵצֶר הָרַע (עַיֵּין וַיּוֹאֶל מֹשֶׁה, מַאֲמַר שָׁלֹשׁ שְׁבוּעוֹת, סִימָן קעח, שֶׁכָּתַב עָלָיו בָּזֶה הַלָּשׁוֹן: וּמָרָן הַקָּדוֹשׁ ׳אֲבִי הַחֲכָמִים׳ זלה״ה מֵרָאפְּשִׁיץ).

אָדֶער מִיט 'גְבוּרָה', אַז עֶר שְׁטַארְקְט זִיךְ אִיבֶּערְן 'יֵצֶר הָרַע', אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (אָבוֹת ד, א): אֵיזֶהוּ 'גִבּוֹר' הַכּוֹבֵשׁ אֶת יִצְרוֹ - אַ גִבּוֹר אִיז דֶער וָואס בַּאזִיגְט זַיין יֵצֶר הָרַע. אָדֶער מִיט 'חָכְמָה'.

נָאכְדֶעם אִיז דָא דִי דְרִיטֶע כִּתָּה פוּן דִי 'רְשָׁעִים', אַזוֹי וִוי מִיר זֶענֶען גֶעבֶּעךְ אִין דֶעם דוֹר, וָואס מִיר זֶענֶען גוּט דוּרְכְגֶעפַאלְן, אוּן דֶער יֵצֶר הָרַע פַּיינִיגְט אוּנְז גֶעפֶערְלִיךְ מִיט אַזוֹיפִיל שְׁלֶעכְטֶע גֶעדַאנְקֶן, אוּן אַזוֹיפִיל שְׁלֶעכְטֶע וֶוערְטֶער, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה זָאגְט (לִקּוּטֵי הֲלָכוֹת, כח וְהַרְשָׁאָה הֲלָכָה ג, אוֹת ז): אַז אַ מֶענְטְשׁ זָאל נָאר הָאבְּן אִין זַיין זִיבֶּעצִיג יָאר אֵיין 'הִרְהוּר רַע' קֶען מֶען זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן וָואסְפַארַא פְּגַם דָאס אִיז. אוּן מִיר פַאלְן גֶעבֶּעךְ דוּרְךְ אִין אֵיין טָאג אַלֵיין, מִיט אַזוֹיפִיל שְׁלֶעכְטֶע מַחְשָׁבוֹת, שְׁלֶעכְטֶע דִיבּוּרִים, אוּן אֲפִילוּ שְׁלֶעכְטֶע מַעֲשִׂים, אוּן דֶער עִיקָר וָואס דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם וִויל פוּן אוּנְז, אַז מִיר זָאלְן אוֹיפְגֶעבְּן אוּנְזֶער נְשָׁמָה, אוּנְזֶער אֱמוּנָה, אוּנְזֶער אִידִישְׁקֵייט, אוּן זִיךְ מְיַיאֵשׁ זַיין חַס וְשָׁלוֹם, אָבֶּער עֶס גֵייט

אִים נִישְׁט, וַוייל אַ אִיד קוּמְט שְׁטֶענְדִיג צוּרִיק צוּם בַּאשֶׁעפֶער.

נָאכְדֶעם אִיז דָא פַארְשִׁידֶענֶע 'דֵעוֹת', פַאר וֶועם עֶס קוּמְט דֶער עִיקָר שְׂכַר, זָאגְט דֶער בַּאשֶׁעפֶער אַלֵיין: פַארְן דְרִיטְן קוּמְט זִיך דֶער שְׂכַר! וַוייל זֵיי הָאבְּן אוֹיך גֶעוָואלְט זַיין אַזוֹי וִוי דִי עֶרְשְׁטֶע אוּן דִי צְוֵוייטֶע כִּתָּה, נָאר דֶער יֵצֶר הָרַע הָאט זִיך אַזוֹי שְׁטַארְק מִתְגַבֵּר גֶעוֶוען אוֹיף זֵיי, אַז עֶס אִיז זֵיי נִישְׁט גֶעלוּנְגֶען, אוּן דָאך הָאבְּן זֵיי נִישְׁט אוֹיפְגֶעגֶעבְּן, דָאס אִיז דֶער גְרֶעסְטֶער חִידוּשׁ.

וֶועגְן דֶעם דַארְף זִיך אַ מֶענְטְשׁ מוֹרָא'דִיג מְחַזֵק זַיין, וַוייל דֶער גְרֶעסְטֶער בְּרָאך אִיז אַז מֶען אִיז זִיך מְיַיאֵשׁ, אוּן אַז אַ בָּחוּר וָואס אִיז דוּרְכְגֶעפַאלְן, בַּאשְׁלִיסְט: פוּן מִיר וֶועט שׁוֹין סַיְיוִוי קַיין לַייט נִישְׁט זַיין. בִּפְרַט אַז אַנְדֶערֶע קְלַאפְּן אִים אַרָאפּ אוּן זָאגְן אִים אַזַאלֶעכֶע וֶוערְטֶער, וָואס דוּרְכְדֶעם גֶעט עֶר אוֹיף, אוּן עֶר שְׁנַיידְט זִיך אָפּ דִי בָּארְד אוּן פֵּיאוֹת אוּן וַוארְפְט אַרָאפּ דִי קַאפְּל וְכוּ'.

וֶועגְן דֶעם אִיז דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי גֶעקוּמֶען אוּן אוּנְז גֶעזָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב, סִימָן עח): **אֵין שׁוּם יֵאוּשׁ בְּעוֹלָם כְּלַל** - עֶס אִיז נִישְׁט דָא אַזַא זַאךְ וִוי יֵאוּשׁ! (מִיכָה ז, ח): **כִּי נָפַלְתִּי קַמְתִּי** - אוֹיבּ בִּין אִיךְ אַרָאפְּגֶעפַאלְן וֶועל אִיךְ זִיךְ אוֹיפְהֵייבְּן! אַ מֶענְטְשׁ טָאר נִישְׁט אוֹיפְגֶעבְּן אֲפִילוּ עֶר זֶעהְט נִישְׁט גָארְנִישְׁט. אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן רמד): עֶס אִיז דָא אַמָאל אַ מֶענְטְשׁ וָואס עֶר לֶערְנְט אוּן דַאוֶּוענְט אַגַאנְץ לֶעבְּן, אָבֶער עֶר זֶעהְט נִישְׁט גָארְנִישְׁט וָואס עֶר הָאט אוֹיפְגֶעטוּהְן, דָאךְ זָאל עֶר זִיךְ נִישְׁט מְיַיאֵשׁ זַיין אוּן אוֹיפְגֶעבְּן, וַוייל עֶר וֶועט וֶוען וֶועט אַרוֹיסְגֵיין פוּן דִי וֶועלְט, וֶועט עֶר שׁוֹין זֶעהְן וָואס עֶר הָאט גֶע׳פּוֹעֵל׳ט. "אַ מֶענְטְשׁ דַארְף טוּהְן וָואס עֶר קֶען, אוּן זִיךְ נִישְׁט אוּנְטֶערְגֶעבְּן אוּנְטֶערְן יֵצֶר הָרַע אֲפִילוּ עֶר פַאלְט דוּרְךְ", אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער **רֶבִּי נָתָן** טַייטְשׁ אוֹיס (לִקוּטֵי הֲלָכוֹת, בִּרְכַּת הַשָּׁחַר הֲלָכָה ה, אוֹתִיוֹת מא-מב), דֶעם פָּסוּק (וַיִּקְרָא כב, ז): **וּבָא הַשֶּׁמֶשׁ וְטָהֵר וְאַחַר יֹאכַל מִן הַקֳּדָשִׁים**; אַ מֶענְטְשׁ וָואס אִיז טָמֵא אוּן עֶר ווִיל זִיךְ רֵיינִיגְן, דַארְף עֶר הָאבְּן גֶעדוּלְד אוּן אוֹיסְוַוארְטְן זַיין יְשׁוּעָה, אוּן קֵיינְמָאל נִישְׁט אוֹיפְגֶעבְּן,

אֲפִילוּ עֶר פַּאלְט נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל אַרָאפּ, זָאל עֶר זִיךְ נִישְׁט דֶערְשְׁרֶעקְן, וַוייל עֶס וֶועט קוּמֶען דֶער טָאג וָואס עֶר וֶועט זֶעהְן וָואס עֶר הָאט אוֹיפְגֶעטוּהְן מִיט יֶעדֶע גוּטֶע זַאךְ וָואס עֶר הָאט גֶעטוּהְן דָא אוֹיף דֶער וֶועלְט.

ז.

דָאס הֵייסְט אַז דֶער 'צַדִיק' אִיז בַּיי מִיר אַיינְגֶעבַּאקְן אִין הַארְץ, אַז זַיינֶע 'וֶוערְטֶער' אוּן זַיינֶע 'הִתְחַזְקוּת' אִיז שׁוֹין בַּיי מִיר אַזוֹי שְׁטַארְק אַרַיינְגֶעבַּאקְן, אַז אֲפִילוּ דִי גַאנְצֶע וֶועלְט זָאל מִיר זָאגְן: דוּ בִּיסְט אַ רָשָׁע! דָאס אִיז נִישְׁט בְּרֶסְלֶב! מַאךְ אִיךְ זִיךְ נִישְׁט צוּטוּהְן. אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי פַּארְצֵיילְט (סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת, מַעֲשֶׂה ח, מֵרַב וּבֶן יָחִיד), אַז דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם הָאט זִיךְ פַּארְשְׁטֶעלְט וִוי אַ סוֹחֵר, אוּן עֶר הָאט גֶעטְרָאפְן דֶעם 'רָב', אוּן זַיין זוּהְן דֶער 'בֶּן יָחִיד', וֶוען זֵיי זֶענֶען גֶעוֶוען אִין אַ קְרֶעטְשְׁמֶע [הָאטֶעל] אוֹיפְן וֶועג צוּ פָארְן צוּם גְרוֹיסְן אֶמֶתְ'ן צַדִיק, אוּן זֵיי הָאבְּן גֶעכַאפְּט אַ שְׁמוּעֶס מִיט אִים, בִּיז מֶען הָאט אַרַיינְגֶעדְרֵייט אִינֶעם שְׁמוּעֶס אוּן אָנְגֶעהוֹיבְּן רֶעדְן וֶועגְן רֶבִּי'ס, וואוּ עֶס אִיז אַלְץ

דָא צַדִיקִים, און דֶער סוֹחֵר הָאט זֵיי פַארְצֵיילְט אִיבֶּער פַארְשִׁידֶענֶע צַדִיקִים, און וֶוען זֵיי הָאבְּן אִים גֶעפְרֶעגְט אִיבֶּער דֶעם צַדִיק צוּ וֶועם זֵיי פָארְן יֶעצְט, הָאט עֶר זִיךְ אָנְגֶערוּפְן: עֶר? עֶר אִיז דָאךְ אַ 'קַל'! פּוּנְקְט יֶעצְט קוּם אִיךְ פוּן אִים, און אִיךְ הָאבּ אִים אַלֵיין גֶעזֶעהְן טוּהְן אַ עֲבֵירָה!

הָאט זִיךְ דֶער טַאטֶע אָנְגֶערוּפְן, און גֶעזָאגְט צוּ זַיין קִינְד דֶער בֶּן יָחִיד: זֶעהְסְטוּ מַיין טַייעֶר קִינְד, וָואס דֶער אִיד זָאגְט אוּמְדִירֶעקְט 'מֵסִיחַ לְפִי תֻּמּוֹ'? און אַזוֹי אִיז לֵיידֶער גֶעלוּנְגֶען פַארְן סַמֶ"ךְ מֶ"ם זֵיי צוּרִיק צוּהַאלְטְן פוּן גֵיין צוּם צַדִיק, און זֵיי הָאבְּן זִיךְ טַאקֶע צוּרִיק אוֹיסְגֶעדְרֵייט און אַהֵיימְגֶעפָארְן, און עֶס אִיז נֶעבֶּעךְ גֶעשֶׁעהְן וָואס עֶס אִיז גֶעשֶׁעהְן (עַיֵין שָׁם בִּפְנִים).

דֶערְפַאר דַארְף אַ מֶענְטְשׁ זַיין אַזוֹי שְׁטַארְק אִין דֶער אֱמוּנָה אִין בַּאשֶׁעפֶער, אַז עֶס זָאל אִים נִישְׁט אִינְטֶערֶסִירְן וָואס יֶענֶער זָאגְט, און אֲפִילוּ אַז דִי גַאנְצֶע וֶועלְט וֶועט זִיךְ אַקֶעגְן שְׁטֶעלְן, זָאל דָאס אִים אוֹיךְ נִישְׁט אָוֶועק רִירְן פוּן

זַיין אֱמוּנָה[5], אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז מְגַלֶּה גֶעוֶוען (הַשְׁמָטָה בִּתְחִלַּת לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב), אוֹיף דֶעם פָּסוּק (יְחֶזְקֵאל לג, כד): 'אֶחָד' הָיָה אַבְרָהָם; אַבְרָהָם אָבִינוּ הָאט זִיךְ שְׁטֶענְדִיג בַּאטְרַאכְט וִוי עֶר אִיז דֶער אֵיינְצִיגְסְטֶער מֶענְטְשׁ אוֹיף דִי וֶועלְט, אוּן בִּכְלַל נִישְׁט גֶעקוּקְט אוֹיף אַ צְוֵוייטְן, אֲפִילוּ אוֹיף דִי אֵייגֶענֶע מִשְׁפָּחָה, לְמָשָׁל זַיין טַאטֶע מַאמֶע וְכוּ'.

זַיין טַאטֶע תֶּרַח הָאט אִים גֶעזָאגְט: וָואס טוּסְטוּ מִיר דָא? דוּ צוּבְּרֶעכְסְט מִיר אַלֶע גֶעטְשְׁקֶעס? זָאגְט עֶר: אִיךְ וֵוייס נִישְׁט פוּן קַיין גֶעטְשְׁקֶעס, עֶס אִיז דָא נָאר אֵיין גָאט אוֹיף דִי וֶועלְט! דֶערְפַאר הֵייסְט עֶר 'אַבְרָהָם הָעִבְרִי' (בְּרֵאשִׁית יד, יג), וַוייל דִי גַאנְצֶע וֶועלְט אִיז גֶעוֶוען פוּן דֶער

[5] כָאטְשִׁיג אִין דִי גוֹי'אִישֶׁער וֶועלְט אִיז טַאקֶע דָא אַ וֶוערְטְל, מִיטְן אוֹיסְדְרוּק: וואו עֶס אִיז דָא 'סְמָאוּק' [רוֹיעֶךְ גֶערוּךְ], אִיז דָא אַ 'פַייעֶר'. אוּן אַז מֶען רֶעדְט אוֹיף אֵיינֶעם מוּז זַיין אַז עֶפֶּעס גֵייט דָארְט פָאר! אָבֶער בַּיי אִידְן הָאט מֶען נִישְׁט אַזוֹי גֶעלֶערְנְט, נָאר מֶען דַארְף זִיךְ הַאלְטְן שְׁטַארְק מִיט דִי אֱמוּנָה אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן אִין דֶעם אֱמֶתְ'ן צַדִּיק, כָאטְשִׁיג דֶער גַאנְצֶער וֶועלְט זָאל אִים בַּארֶעדְן.

אַנְדֶערֶע זַייט, אוּן עֶר אִיז גֶעוֶוען דֶער אֵיינְצִיגֶער אוֹיף דֶער זַייט[6], וִוידֶער זַיין בְּרוּדֶער ׳הָרָן׳ אִיז יָא פַאַרְבְּרֶענְט גֶעוָוארְן

[6] דֶער הֵיילִיגֶער סַאטְמַארֶער רָב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ בְּרֶענְגְט (עַל הַגְאוּלָה וְעַל הַתְּמוּרָה סִימָן פו): אֲפִילוּ וֶוען דִי רְשָׁעִים זָאלְן קֶענֶען בַּאוַוייזְן אָפְּצוּשְׁטֶעלְן דִי זוּהן אַזוֹי וִוי יְהוֹשֻׁעַ בֶּן נוּן, דַארְף מֶען אוֹיךְ נִישְׁט וֶוערְן אִיבֶּערְגֶענוּמֶען פוּן זֵיי, וַוייל אוֹיב אִיז דָא אִין דֶעם כְּפִירוֹת וְאַפִּיקוֹרְסוּת, אוּן עֶס אִיז אַקֶעגְן דִי תּוֹרָה, אִיז עֶס גָארְנִישְׁט מִיט נִישְׁט. אַזוֹי וִוי דֶער פָּסוּק זָאגְט (דְבָרִים יג, ב-ו): כִּי יָקוּם בְּקִרְבְּךָ נָבִיא אוֹ חֹלֵם חֲלוֹם וְנָתַן אֵלֶיךָ אוֹת אוֹ מוֹפֵת וְכוּ׳ - אַז עֶס וֶועט זִיךְ אוֹיפְשְׁטֶעלְן אֵיינֶער צְווִישְׁן דִי אִידְן, אוּן זָאגְן נְבִיאוֹת, אוּן עֶר וֶועט נָאךְ אוֹיךְ בַּאוַוייזְן אַן אוֹת אָדֶער אַ מוֹפֵת, אוּן דוּרְכְדֶעם אָפְּרֶעדְן אַוֶועקְצוּגֵיין חַס וְשָׁלוֹם פוּן בַּאשֶׁעפֶער אוּן פוּן דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, זָאל מֶען זִיךְ נִישְׁט צוּטוּהְן מַאכְן פוּן אִים, אוּן אִים נִישְׁט אוֹיסְהֶערְן, וַוייל דֶער בַּאשֶׁעפֶער ווִיל נָאר מִיט דֶעם אוֹיסְפְּרָאבִּירְן דִי אִידְן, צִי זֵיי וֶועלְן זִיךְ הַאלְטְן שְׁטַארְק אִין דִי אֱמוּנָה אוּן אִין דִי מִצְוֹות וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעגֶעבְּן.

דֶערְפַאר דַארְף מֶען שְׁטֶענְדִיג גְלַייךְ קוּקְן אוֹיף דִי מַעֲשִׂים פוּן יֶענֶעם, וָואס דָאס הָאט מֶען נֶעבֶּעךְ גֶעזֶעהְן אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, וִוי אַזוֹי דִי פַארְשְׁטִינְקֶענֶע פַּארְטֵיי מִיט זֵייעֶר הוֹיפְּט רָב, הָאט נֶעבֶּעךְ אַרָאפְּגֶעפִירְט כְּלַל יִשְׂרָאֵל מִיט זַיינֶע אַלֶע טְרֵיפָה׳נֶע דֵעוֹת פְּסוּלוֹת, וָואס מֶען טָאר עֶס אֲפִילוּ נִישְׁט נָאכְזָאגְן עַפְרָא לְפוּמֵיה, כָאטְשׁ עֶר אִיז גֶעגַאנְגֶען מִיט אַ סְפָּאדִיק אִינְדֶערְוָואכְן וְכוּ׳, אָבֶּער אוֹיב מֶען אִיז ׳מַתִּיר עֲרָיוֹת׳, עֶס זָאל זַיין אַ מִישׁוּנְג פוּן יוּנְגְן מִיט מוֹידְן, אוּן אַז זֵיי זָאלְן לֶערְנֶען צוּזַאמֶען וְכוּ׳, אִיז דָאס שׁוֹין אַ שְׁטִיק טוּמְאָה, וַוייל בַּיים בַּאשֶׁעפֶער אִיז נָאר דָא קְדוּשָׁה. הַיינְט צוּטָאגְס אִיז דָאס פוּן אֵיין זַייט אַ גְרוֹיסֶער נִסָיוֹן, אָבֶּער וֶוער עֶס הָאט אַ קְלָארֶע שֵׂכֶל אִיז עֶס בִּכְלַל נִישְׁט קַיין נִסָיוֹן, וַוייל מֶען זֶעהְט דָאךְ אָפֶען אַז דִי מֶענְטְשְׁן זֶענֶען ׳כּוֹפְרִים בְּעִיקָר׳, כָאטְשִׁיג זֵיי זֶענֶען טַאקֶע גֶעקוּמֶען אִין אָנְפַאנְג מִיט אַ פַארְשְׁטֶעלְטְן פָּנִים, כְּאִילוּ זֵיי מֵיינֶען נָאר ׳קְדוּשַׁת אֶרֶץ

אִין קַאלֶעךְ אוֹיְוון, וַוייל עֶר הָאט שׁוֹין גֶעהַאט סְפֵיקוֹת צוּ אַבְרָהָם אִיז גֶערֶעכְט אָדֶער נִמְרוֹד, מְמֵילָא אִיז עֶר פַארְבְּרֶענְט גֶעוָוארְן (רַשִׁ״י בְּרֵאשִׁית יא, כח; בְּרֵאשִׁית רַבָּה לח, יג).

דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ דַארְף מֶען דָאס וִויסְן וֶוען מֶען אִיז מְקוּרָב צוּם צַדִיק, זִיךְ נִישְׁט לָאזְן אָפְּנַארְן, אוּן זִיךְ נִישְׁט דֶערְשְׁרֶעקְן אֲפִילוּ יֶעדֶער זָאל שְׁרֵייעֶן: מֶען הָאט דִיךְ אַ נַארִישְׁקֵייט אַיינְגֶערֶעדְט! דוּ בִּיסְט נִישְׁט עֶכְט מְקוּרָב צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן! דָאס אִיז נִישְׁט דֶער רִיכְטִיגֶער וֶועג! דָאךְ זָאל מֶען פוּן קֵיינֶעם נִישְׁט הָאבְּן קַיין הִתְפַּעֲלוּת, נָאר מֶען זָאל קוּקְן מִיט אַן אֱמֶת אוֹיף זִיךְ אַלֵיין, צוּ וָואס מֶען הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען אַדַאנְק דֶעם צַדִיק, אוּן אֲפִילוּ דִי גַאנְצֶע וֶועלְט

---

יִשְׂרָאֵל׳, אוּן אוֹיפְצוּבּוֹיעֶן דֶעם הֵיילִיג לַאנְד, וָואס מִיט דֶעם הָאבְּן זֵיי לֵיידֶער אַרַיינְגֶעכַאפְּט רוֹב כְּלַל יִשְׂרָאֵל, וַוייל יֶעדֶער אִיד וֵוייסְט אַז אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל אִיז קוֹדֶשׁ קָדָשִׁים, אָבֶּער וֶוער עֶס הָאט נָאר גֶעהַאט אַבִּיסְל אָפֶענֶע אוֹיגְן, הָאט דָאךְ קְלָאר גֶעזֶעהְן וֶוער זֵיי זֶענֶען אוּן וָואס זֵיי מֵיינֶען, נָאכְדֶערְצוּ אַז מֶען רֶעדְט אָפֶען אַקֶעגְן בַּאשֶׁעפֶער, מֶען עֶסְט טְרֵיפוֹת וּנְבֵלוֹת, מֶען אִיז מְחַלֵל שַׁבָּת אוּן יוֹם כִּפּוּר, מֶען עֶסְט חָמֵץ אִין פֶּסַח וְכוּ׳, אִיז אַלֶעס גָארְנִישְׁט מִיט נִישְׁט, אֲפִילוּ זֵיי זָאלְן וֶוען בַּאוַוייזְן דִי גְרֶעסְטֶע מוֹפְתִים.

## זָאל יֶעצְט אָפְּרֶעדְן און זָאגְן פַארְקֶערְט, דַארְף מֶען זִיךְ נִישְׁט צוּטוּהְן מַאכְן[7].

[7] וֶועגְן דֶעם זָאגְן חֲזַ"ל (בְּרָכוֹת ד׳ ע"ב; מ"ז ע"ב): אֲפִילוּ אַז אַ מֶענְטְשׁ הָאט גֶעלֶערְנְט אַסַאךְ תּוֹרָה מוּז עֶר אָבֶּער נָאךְ אוֹיךְ מְשַׁמֵּשׁ זַיין דֶעם צַדִּיק, און דָאס אִיז נָאךְ גְרֶעסֶער פוּן לֶערְנֶען. וַוייל וִויפִיל תּוֹרָה אַ מֶענְטְשׁ זָאל נָאר נִישְׁט לֶערְנֶען, און אֲפִילוּ אַז עֶר הָאט גֶעלֶערְנְט אַז מֶען טָאר זִיךְ נִישְׁט מְיַיאֵשׁ זַיין, אָבֶּער וֶוען עֶס קוּמְט אַ נִסָּיוֹן וֶוערְט עֶר פַארְלוֹירְן און עֶר וֵוייסְט נִישְׁט וָואס מֶען טוּט? אָבֶּער אַז מֶען הָאט ׳שִׁימּוּשׁ תַּלְמִידֵי חֲכָמִים׳, און מֶען זֶעהְט פוּן דֶער נָאנְט וִוי אַזוֹי אוֹיפְן צַדִּיק גֵייט דוּרְךְ בִּיטֶערֶע שְׁוֶוערֶע נִסְיוֹנוֹת און מַחְלוֹקֶת, און יֶעדֶער רֶעדְט אוֹיף אִים, מֶען פַארְשֶׁעמְט אִים, און דָאךְ דֶערְהַאלְט עֶר זִיךְ, הָאט מֶען שׁוֹין אַ אַנְדֶערֶע בִּילְד וִוי אַזוֹי זִיךְ דֶערְהַאלְטְן און זִיךְ נִישְׁט דֶערְשְׁרֶעקְן פוּן גָארְנִישְׁט.

וַוייל וִוי בַּאקַאנְט הָאבְּן אַלֶע צַדִּיקִים גֶעהַאט אוֹיף זִיךְ מוֹרָא׳דִיגֶע מַחְלוֹקֶת, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט אִינֶעם בְּרִיווּ (אִגֶּרֶת הַקּוֹדֶשׁ, נִדְפָּס בְּסוֹף סֵפֶר הַקָּדוֹשׁ נוֹעַם אֱלִימֶלֶךְ), וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אֶלְעָזָר דֶער זוּהְן פוּנֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי ר׳ אֱלִימֶלֶךְ מִלִּיזֶ׳ענְסְק זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ עֶנְטְפֶערְט פַארְן הֵיילִיגְן בַּארְדִיטְשׁוּבֶער רָב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, אִיבֶּער דִי מוֹרָא׳דִיגֶע מַחְלוֹקֶת וָואס עֶר הָאט גֶעהַאט, אַז עֶר הָאט גֶעפְרֶעגְט דֶעם טַאטְן אִיבֶּער דֶעם, און עֶר הָאט גֶעזָאגְט: "וָואס אִיז דֶען דֶער חִידּוּשׁ אַז עֶר הָאט מַחְלוֹקֶת? אַזוֹי אִיז שׁוֹין גֶעוֶוען אִין אַלֶע דוֹרוֹת, פוּן אֵייבִּיג אָן הָאבְּן אַלֶע עֶרְלִיכֶע אִידְן גֶעהַאט אוֹיף זִיךְ מַחְלוֹקֶת, און מֶען הָאט גֶערֶעדְט אוֹיף זֵיי כָּל דָּבָר אָסוּר". אָבֶּער דָאס צוּ קֶענֶען אִיבֶּערְקוּמֶען, דַארְף מֶען מִיטְלֶעבְּן מִיט דִי אֱמֶת׳עַ עֶרְלִיכֶע אִידְן, און הָאבְּן ׳שִׁימּוּשׁ תַּלְמִידֵי חֲכָמִים׳. וֶועגְן דֶעם זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן סִימָן תקמ"ד): אַז אַ מֶענְטְשׁ אִיז מְשַׁמֵּשׁ אַ תַּלְמִיד חָכָם, בְּרֶענְגְט דָאס אִים נָאכְדֶעם צוּ דִי הֶעכְסְטֶע מַדְרֵיגוֹת, און עֶר אַלֵיין וֶוערְט אַ גְרוֹיסֶער צַדִּיק.

וָוען דֶער גְרוֹיסֶער צַדִיק רֶבִּי יְשַׁעְיָה׳לֶע מִקֶרֶעסְטִיר זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אִיז נָאךְ גְעוֶוען אַ
יוּנְגְל אִיז עֶר גְעוָוארְן אַ יָתוֹם, אוּן זַיין מַאמֶע הָאט נִישְׁט גְעהַאט קַיין כֹּחַ אַלֵיין אִים
אוֹיפְצוּהָאדֶעוֶוען, הָאט זִי אִים גֶעבְּרֶענְגְט צוּם הֵיילִיגְן לִיסְקֶער רָב, בַּעַל ׳אַךְ פְּרִי תְּבוּאָה׳
זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אוּן עֶר הָאט אִים אָנְגֶעהוֹיבְּן בַּאדִינֶען, עֶר אִיז גֶעוָוארְן זַיין הוֹיז בָּחוּר,
זַיין מַאמֶע אִיז דָאס גֶעוָואר גֶעוָוארְן, אִיז זִי אֵיינְמָאל גֶעקוּמֶען, אוּן גֶעשְׁרִיגְן אוֹיפְן
הֵיילִיגְן לִיסְקֶער רָב: אִיךְ הָאבּ גֶעגֶעבְּן מַיין זוּהְן פַאר אַייךְ כְּדֵי עֶר זָאל לֶערְנֶען וְכוּ׳, בִּיז
דֶערְוַוייל אִיז עֶר פַארְנוּמֶען זִיךְ צוּ פָּארֶען, עֶר טְרָאגְט אַרַיין אוּן אַרוֹיס וְכוּ׳. דֶער הֵיילִיגֶער
לִיסְקֶער רָב הָאט גֶעשְׁוִויגְן אוּן אִיר גָארְנִישְׁט גֶעעֶנְטְפֶערְט, וַוייל עֶר הָאט פַארְשְׁטַאנֶען:
״זֶה הַקָּטָן גָּדוֹל יִהְיֶה״! אוּן דֶער יוּנְגֶער בָּחוּר וָואס בַּאדִינְט אִים אַזוֹי עֶרְלִיךְ, אוּן עֶר
קוּקְט זִיךְ צוּ יֶעדֶע זַאךְ, וֶועט נָאךְ וַואקְסְן זַייעֶר אַ גְרוֹיסֶער צַדִיק; אוּן אַזוֹי אִיז טַאקֶע
גְעוֶוען. דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ אִיז אוֹיךְ בַּאוּויסְט אוֹיפְן הֵיילִיגְן רֶבִּי הֶערְשׁ מְרִימֶענָאוו זְכוּתוֹ יָגֵן
עָלֵינוּ וָואס עֶר הָאט מְשַׁמֵשׁ גְעוֶוען דֶעם הֵיילִיגְן מְנַחֵם מֶענְדְל מְרִימֶענָאוו זְכוּתוֹ יָגֵן
עָלֵינוּ, מֶען הָאט אִים גֶערוּפְן ׳הֶערְשׁ מְשָׁרֵת׳ אוּן נָאכְדֶעם אִיז עֶר גֶעוָוארְן מוֹרָא׳דִיג גְרוֹיס
ווִי בַּאקַאנְט.

אוּן דָאס לֶערְנְט מֶען אַרוֹיס פוּן אֱלִישָׁע, וָואס עֶר הָאט זוֹכֶה גְעוֶוען מְקַבֵּל צוּ זַיין ׳פִּי
שְׁנַיִם׳ דָאפֶּעלְט פוּן זַיין רֶבִּי׳ן אֵלִיָּהוּ הַנָּבִיא (עַיֵין לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק א, סִימָן סו), וַוייל עֶר
הָאט אִים מְשַׁמֵשׁ גְעוֶוען, אוּן עֶר אִיז אִים נָאכְגֶעגַאנְגֶען, הָאט עֶר גֶעזֶעהְן ווִי אַזוֹי אַחְאָב
הָאט נָאכְגֶעשְׁרִיגְן אוֹיף אֵלִיָּהוּ הַנָּבִיא: ״דוּ עוֹכֵר יִשְׂרָאֵל״! אוּן אַזוֹי הָאט עֶר צוּגֶעזֶעהְן
דִי גְרוֹיסֶע נִסְיוֹנוֹת וָואס אֵלִיָּהוּ הַנָּבִיא גֵייט דוּרְךְ, [שְׁטֶעלְט אַייךְ פָאר אַז מֶען שְׁרַייט נָאךְ
אַ מֶענְטְשׁ: ׳דוּ עוֹכֵר יִשְׂרָאֵל׳, קֶען עֶר דָאךְ הָאבְּן חֲלִישׁוּת הַדַעַת אוּן אָנְהֵייבְּן טְרַאכְטְן:
אֶפְשֶׁר אִיז עֶר טַאקֶע גֶערֶעכְט? דָאךְ אָבֶּער הָאט עֶר זִיךְ דֶערְהַאלְטְן אוּן זִיךְ מְחַזֵק גְעוֶוען].
דֶער הֵיילִיגֶער סַאטְמַארֶער רָב בַּעַל דִבְרֵי יוֹאֵל זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט דֶערְצֵיילְט פַאר מַיין
טַאטֶע זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה [אֲבַ״ד טָאקֵיי זצוק״ל], אַז אֵיינְמָאל וָוען עֶר אִיז אַרוֹיס גֶעקוּמֶען
פוּן מִקְוֶה [עֶר הָאט נָאךְ דֶעמָאלְס נִישְׁט גֶעהַאט אַ אֵייגֶענֶע מִקְוֶה, פְּלֶעגְט עֶר גֵיין אִין דִי

## ח.

שְׁלַח לְךָ אֲנָשִׁים וְכוּ׳. זָאגְט רַשִׁ״י: פַּארְוָואס שְׁטֵייט דִי פַּרְשָׁה פוּן מְרַגְלִים לֶעבְּן דִי פַּרְשָׁה פוּן מִרְיָם? וַוייל מִרְיָם אִיז גֶעשְׁלָאגְן גֶעוָוארְן מִיט קְרֶעץ וַוייל זִי הָאט גֶערֶעדְט אוֹיף מֹשֶׁה רַבֵּנוּ[8], אוּן כָּאטְשׁ דִי רְשָׁעִים הָאבְּן דָאס גֶעזֶעהְן,

מִקְוֶה פוּן אַ בֵּית הַמִדְרָשׁ אַקֶעגְן אִיבֶּער זַיין הוֹיז, וָואס דָארְט זֶענֶען שׁוֹין גֶעוֶועזְן נֶחְמָץ׳דִיגֶע אִידְן], הָאט אִים אֵיינֶער נָאכְגֶעשְׁרִיגְן: ״דוּ פּוֹשֵׁעַ יִשְׂרָאֵל״! אוּן וֶוען עֶר הָאט זִיךְ אוֹיסְגֶעדְרֵייט קוּקְן וֶוער דָאס אִיז, הָאט עֶר אִים שׁוֹין נִישְׁט גֶעזֶעהְן, אוּן פוּן דֶעמָאלְטְס אָן הָאט עֶר אוֹיפְגֶעהֶערְט צוּ גֵיין דָארְט אִין מִקְוֶה.

אוּן דָאס הָאט אֱלִישָׁע גֶעזֶעהְן בַּיי אֵלִיָהוּ אַז אֲפִילוּ וֶוען עֶר אִיז גֶעבְּלִיבְּן אֵיינֶער אַלֵיין, וַוייל יֶעדֶער הָאט גֶעדִינְט דֶעם ׳בַּעַל׳, הָאט עֶר זִיךְ נִישְׁט דֶערְשְׁרָאקְן, נָאר גֶעשְׁרִיגְן: דָאס אִיז עֲבוֹדָה זָרָה! עֶס אִיז דָא נָאר אֵיין בַּאשֶׁעפֶער אוֹיף דֶער וֶועלְט, אוּן נָאר אִים דַארְף מֶען דִינֶען! [אַ מֶענְטְשׁ קֶען אַמָאל טְרַאכְטְן: אַז אַלֶע שְׁרַייעֶן אַז דֶער ׳בַּעַל׳ אוּן דִי ׳עֲבוֹדָה זָרָה׳ אִיז עֶפֶּעס, נָאר אִיךְ בִּין דֶער אֵיינְצִיגְסְטֶער וָואס זָאגְט אַז נִישְׁט, אֶפְשֶׁר זֶענֶען זֵיי גֶערֶעכְט אוּן אִיךְ בִּין גָאר מְשׁוּגָע?! אָבֶּער אֵלִיָהוּ הַנָבִיא אִיז גֶעוֶועזְן בַּיי זִיךְ מוֹרָא׳דִיג שְׁטַארְק אוּן פֶעסְט, אוּן זִיךְ נִישְׁט גֶעלָאזְט פַארְדְרֵייעֶן דֶעם קָאפּ], אוּן וִויבַּאלְד אֱלִישָׁע הָאט דָאס אַלֶעס גֶעזֶעהְן, אוּן וִוי אַזוֹי אֵלִיָהוּ הַנָבִיא קֶעמְפְט אַזוֹי שְׁטַארְק אַקֶעגְן דִי ׳עוֹבְדֵי הַבַּעַל׳, כָּאטְשִׁיג יֶעדֶער רוֹדֶף׳ט אִים דֶערְפַאר, דָאס הָאט אִים אוֹיסְגֶעלֶערְנְט, אוּן גֶעגֶעבְּן כֹּחַ, וִוי אַזוֹי זִיךְ צוּ דֶערְהַאלְטְן אוֹיף דִי וֶועלְט.

8 אוּן זִי מִיט אִיר בְּרוּדֶער אַהֲרֹן הָאבְּן גֶעזָאגְט (בַּמִדְבָּר יב, ב): **גַם בָּנוּ דִבֵּר** – מִיט אוּנְז הָאט אוֹיךְ דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶערֶעדְט. כָּאטְשִׁיג דָאס אִיז אֵיינְס פוּן דִי שְׁוֶוערְסְטֶע זַאכְן

דָאךְ הָאבְּן זֵיי זִיךְ נִישְׁט אָפְּגֶעלֶערְנְט, אוּן זֵיי הָאבְּן גֶערֶעדְט לָשׁוֹן הָרַע אוֹיף אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, אִין דֶער צַייט וָואס דֶער בַּאשֶׁעפֶער הָאט אַלֵיין גֶעזָאגְט, אַז עֶס אִיז אַ גוּטֶע לַאנְד, אוּן עֶס אִיז אַ 'אֶרֶץ זָבַת חָלָב וּדְבָשׁ' (שְׁמוֹת ג, ח; וְעוֹד). פַארְוָואס זָאגְסְטוּ פַארְקֶערְט?!

נָאכְדֶעם זָאגְט רַשִׁ"י: **שְׁלַח לְךָ אֲנָשִׁים:** לוֹיט דַיין וִוילְן קֶענְסְטוּ שִׁיקְן, אָבֶּער אִיךְ הֵייס דִיךְ נִישְׁט. אוּן רַשִׁ"י בַּאוָוארֶענְט גְלַייךְ, אַז מֹשֶׁה רַבֵּינוּ הָאט אוֹיךְ נִישְׁט גֶעוָואלְט שִׁיקְן, נָאר עֶר הָאט נִישְׁט קַיין גֶעהַאט קַיין בְּרֵירָה, וַוייל אַלֶע אִידְן זֶענֶען גֶעקוּמֶען אוּן אִים בַּאפַאלְן, אַז זֵיי וִוילְן זֶעהְן צוּ עֶס אִיז אַ גוּט לַאנְד, מִמֵּילָא הָאט מֹשֶׁה רַבֵּינוּ זִיךְ בַּארָאטְן מִיט דִי שְׁכִינָה אוּן גֶעזָאגְט: **רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם!** וָואס זָאל אִיךְ טוּהְן אַז זֵיי גְלֵייבְּן נִישְׁט, אוּן וִוילְן דַוְקָא גֵיין זֶעהְן.

---

צוּ פַארְשְׁטֵיין, וִוי אַזוֹי דִי אֵייגֶענֶע בְּרוּדֶער אוּן שְׁוֶועסְטֶער זָאלְן זִיךְ אָפְּרֶעדְן אוֹיף אִים, וַוייל נָאךְ אַלֶעם וֶוער הָאט דֶען מְגַלֶּה גֶעוֶוען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיבּ נִישְׁט מֹשֶׁה, אוּן אַלֶעס אִיז דָאךְ נָאר גֶעוֶוען אִין זְכוּת פוּן מֹשֶׁה, אֲפִילוּ דִי בְּאֵר אוּן דִי עָנָן (עַיֵּין תַּעֲנִית דַף ט ע"א).

הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעזָאגְט: אִיךְ הָאבּ גֶעזָאגְט מַיינְס, אַז דָאס אִיז אַ גוּטֶע לַאנְד, אוּן אַז זֵיי ווִילְן נִישְׁט גְלֵייבְּן, דֶעמָאלְטְס שִׁיק מְרַגְלִים, אָבֶּער זֵיי וֶועלְן שׁוֹין דוּרְכְדֶעם וֶוערְן פַארְנַארְט. קוּמְט אוֹיס אַז דֶער גַאנְצֶער פְּגַם אִיז גֶעוֶועזְן פוּן דִי אִידְן, נִישְׁט פוּן מֹשֶׁה. אוּן מֶען הָאט טַאקֶע גֶעשִׁיקְט דִי מְרַגְלִים, אוּן עֶס אִיז נֶעבֶּעךְ גֶעוֶועזְן וָואס אִיז גֶעוֶועזְן.

ווִי אַזוֹי הָאט דָאס טַאקֶע גֶעקֶענְט פַּאסִירְן? זֵיי זֶענֶען דָאךְ אַלֶע גֶעוֶועזְן צַדִיקִים אוּן דִי הֶעכְסְטֶע פוּן דִי אִידְן, אַזוֹי ווִי דֶער פָּסוּק זָאגְט (בַּמִדְבָּר יג, ג): **כֻּלָם אֲנָשִׁים רָאשֵׁי בְּנֵי יִשְׂרָאֵל הֵמָּה.** אוֹיךְ זֶענֶען זֵיי גֶעוֶועזְן דִי נְשִׂיאִים פוּן יֶעדְן שֵׁבֶט, אַזוֹי ווִי דֶער פָּסוּק זָאגְט (שָׁם יג, ב): **כֹּל נָשִׂיא בָּהֶם.** אוּן ווִי אַזוֹי זֶענֶען זֵיי גֶעוָוארְן אַזוֹי אִיבֶּערְגֶעדְרֵייט?!

דֶער זֹהַר הַקָדוֹשׁ זָאגְט אַ מוֹרָא'דִיגְן טַעַם (שְׁלַח דַף קנח ע"א): זֵיי הָאבְּן גֶעוואוּסְט אַז וֶוען מֶען וֶועט אַרַיין קוּמֶען אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל ווֶעלְן זֵיי וֶוערְן אוֹיס נְשִׂיאִים, הָאבְּן זֵיי זִיךְ מְיַישֵׁב גֶעוֶועזְן אַז זֵיי וֶועלְן רֶעדְן שְׁלֶעכְטְס אוֹיף אֶרֶץ

יִשְׂרָאֵל, אַזוֹי אַרוּם וֶועלְן דִי אִידְן בְּלַייבְּן אִין מִדְבָּר, אוּן זֵיי וֶועלְן זַיין דִי נְשִׂיאִים.

זֶעהְט מֶען פוּן דֶעם וִוי שְׁטַארְק דִי אוֹיגְן פוּן אַ מֶענְטְשׁ קֶען פַארְבְּלֶענְדְט וֶוערְן, אוּן כְּדֵי אִיךְ זָאל זַיין אַ רֶבִּי, בִּין אִיךְ גְרֵייט צוּ בַּאגְרָאבְּן דֶעם אֵייגֶענֶעם רֶבִּי'ן וָואס הָאט מִיר גֶעמַאכְט פַאר אַ רֶבִּי, אַזוֹי וִוי מֶען זֶעהְט דָא בַּיי דִי מְרַגְלִים אַז זֵיי הָאבְּן עֶנְדֶערְשׁ גֶערֶעדְט אוֹיף מֹשֶׁה רַבֵּינוּ אוּן נָאכְדֶעם שׁוֹין גֶעלֵייקֶענְט אִין בַּאשֶׁעפֶער אַלֵיין אוֹיךְ רַחֲמָנָא לִצְלָן (בַּמִּדְבָּר יג, לא, וּבְרַשִׁ"י שָׁם), אַבִּי זֵיי זָאלְן בְּלַייבְּן מַנְהִיגִים.

דִי וֶועלְט זָאגְט אַ וֶוערְטְל אַז אַמָאל אִיז אֵיינֶער אַן עַזּוּת פָּנִים גֶעקוּמֶען צוּ אַ רֶבִּי, אוּן אִים גֶעזָאגְט: אִיר וֵוייסְט אַז צוּ זַיין אַ רֶבִּי אִיז אוֹיךְ אַ 'יֵצֶר הָרַע' אוּן אַ תַּאֲוָה וִוי אַלֶע תַּאֲווֹת?! הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט: עֶר אִיז גֶערֶעכְט, אָבֶּער צוּ דִי תַּאֲוָה מוּז מֶען קוֹדֶם צוּבְּרֶעכְן אַלֶע תַּאֲווֹת!

דָאס זֶעהְט מֶען לֵיידֶער אוֹיךְ בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס זַאךְ, אַז אֵיינֶער וִויל שׁוֹין וֶוערְן אַ מַנְהִיג, וֶועט עֶר נֶעמֶען רֶעדְן

׳כָּל דָּבָר אָסוּר׳ אוֹיף דֶעם רֶבִּי׳ן וָואס הָאט אִים אַרוֹיסְגֶענוּמֶען פוּן בְּלָאטֶע אוּן פוּן אַלֶע שְׁמוּץ, כְּדֵי צוּ קֶענֶען וֶוערְן אַלֵיין אַ רֶבִּי.

מִיט דֶעם הָאב אִיךְ גֶעטַייטְשְׁט דָאס וָואס דֶער תַּרְגוּם יוֹנָתָן זָאגְט (בַּמִּדְבָּר יג, טז): וֶוען מֹשֶׁה רַבֵּינוּ הָאט גֶעזֶעהְן דִי עֲנָוָה פוּן יְהוֹשֻׁעַ, הָאט עֶר אִים אַ נָאמֶען גֶעגֶעבְּן ׳יְהוֹשֻׁעַ׳ אַנְשְׁטָאטְס ׳הוֹשֵׁעַ׳; אוּן אִים אָנְגֶעוִוינְטְשְׁן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אִים אָפְּהִיטְן פוּן דִי עֵצָה פוּן דִי מְרַגְּלִים. וָואסְפַארַא שַׁיְיכוּת הָאט דָאס צוּגֶעבְּן דֶעם נָאמֶען צוּ זַיין עֲנָוָה? נָאר מִיר גֶעפוּנֶען (בַּמִּדְבָּר יא, כו-כח), אַז וֶוען אֶלְדָּד וּמֵידָד הָאבְּן נְבִיאוֹת גֶעזָאגְט אִין דִי מַחֲנֶה, אַז מֹשֶׁה רַבֵּינוּ גֵייט שְׁטַארְבְּן אוּן יְהוֹשֻׁעַ גֵייט אַרַיינְבְּרֶענְגְן דִי אִידְן אוֹיף אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, אִיז יְהוֹשֻׁעַ גֶעלָאפְּן צוּ מֹשֶׁה רַבֵּינוּ אוּן אִים גֶעזָאגְט: וָואס טוּט מֶען דָא אַז זֵיי זָאגְן אַזַאלֶעכֶע נְבִיאוֹת? אוּן עֶר הָאט פָארְגֶעשְׁלָאגְן אַז מֶען זָאל זֵיי אַיינְשְׁפַּארְן, הָאט אִים מֹשֶׁה רַבֵּינוּ גֶעזָאגְט (שָׁם שָׁם, כט): הַמְקַנֵּא אַתָּה לִי?

דוּ נֶעמְסְט זִיךְ אָן פַאר מַיין כָּבוֹד? פוּן מַיין זַייט זָאלְן מִיר אַלֶע אִיבֶּערְנֶעמֶען, און זַיין אַזוֹי גְרוֹיס וִוי מִיר[9].

דֶערְפַאר וִויבַּאלְד משֶׁה רַבֵּינוּ הָאט דֶעמָאלְטְס גֶעזֶעהְן דִי גְרוֹיסֶע עֲנָוָה פוּן יְהוֹשֻׁעַ, און אַז עֶר וִויל נָאר אַז משֶׁה רַבֵּנוּ זָאל זַיין דֶער מַנְהִיג און נִישְׁט עֶר, הָאט עֶר יֶעצְט מוֹרָא גֶעהַאט, אַז יְהוֹשֻׁעַ צוּלִיבּ זַיין עֲנָוָה, כְּדֵי עֶר זָאל נִישְׁט דַארְפְן וֶוערְן מַנְהִיג, אוֹיבּ חָלִילָה וְחַס משֶׁה וֶועט שְׁטַארְבְּן און מֶען וֶועט אַרַיין קוּמֶען אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, וָואס דֶעמָאלְטְס וֶועט עֶר דָאךְ מוּזְן וֶוערְן מַנְהִיג, און דָאס הָאט עֶר דָאךְ נִישְׁט גֶעוָואלְט, דֶערְפַאר וֶועט עֶר מִיט שְׁטֵיין מִיט דִי מְרַגְּלִים, און אוֹיךְ רֶעדְן שְׁלֶעכְטְס אוֹיף אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, נִישְׁט וֶועגְן זֵייעֶר טַעַם, נָאר פוּנְקְט פַארְקֶערְט וַוייל עֶר וִויל

---

[9] חַזַ״ל זָאגְן (עַיֵין זוהַר, יִתְרוֹ, פ״ו ע״ב): משֶׁה רַבֵּנוּ אִיז צוּגֶעגְלִיכְן צוּ אַ לֶעכְט, וָואס מֶען קֶען אָנְצִינְדְן דֶערְפוּן וִויפִיל לֶעכְט מֶען וִויל נָאר, און עֶס פֶעלְט גָארְנִישְׁט פוּנֶעם לֶעכְט, אַזוֹי אוֹיךְ הָאט משֶׁה רַבֵּינוּ גֶעקֶענְט אָנְצוּנְדְן דִי לֶעכְט און דִי נְשָׁמָה פוּן אַלֶע זֶעקְס הוּנְדֶערְט טוֹיזֶענְט אִידְן, אַז אַלֶע זָאלְן וֶוערְן גְרוֹיס, און פוּן אִים וֶועט גָארְנִישְׁט פֶעלְן. וַוייל משֶׁה רַבֵּנוּ הָאט גָארְנִישְׁט גֶעוָואלְט נָאר דֶעם בַּאשֶׁעפֶער.

׳נִישְׁט׳ זַיין אַ מַנְהִיג, וֶועגְן דֶעם הָאט אִים מֹשֶׁה רַבֵּינוּ צוּגֶעגֶעבְּן אַ נָאמֶען, אוּן מִתְפַּלֵל גֶעוֶוען אַז עֶר זָאל נִישְׁט זַיין צוּזַאמֶען מִיט דִי מְרַגְלִים[10], אוּן עֶר זָאל זִיךְ אִיבֶּערְגֶעבְּן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וָואס עֶר וִויל אַז אִיךְ זָאל אַוֶועק גֵיין פוּן דֶער וֶועלְט.

## ט.

**וּרְאִיתֶם אֶת הָאָרֶץ מַה הִוא וְכוּ׳, הֶחָזָק הוּא הֲרָפֶה? הַמְעַט הוּא אִם רָב? וְכוּ׳, וּמָה הֶעָרִים אֲשֶׁר הוּא יוֹשֵׁב בָּהֵנָּה, הַבְּמַחֲנִים אִם בְּמִבְצָרִים?** (בַּמִדְבָּר יג, יח-יט): **מֹשֶׁה רַבֵּינוּ הָאט** גֶעהֵייסְן פַאר דִי מְרַגְלִים זֵיי זָאלְן קוּקְן אוֹיבּ דִי מֶענְטְשְׁן דָארְט זֶענֶען שְׁטַארְק אָדֶער שְׁוַואךְ? אוּן וִוי אַזוֹי וֶועלְן זֵיי

[10] אוּן וֶוען כָּלֵב הָאט גֶעזֶעהְן אַז אִים הָאט מֶען נִישְׁט גֶעבֶּענְטְשׁ, אִיז עֶר גֶעגַאנְגֶען קַיין ׳חֶבְרוֹן׳ צוּ דִי הֵיילִיגֶע ׳אָבוֹת׳, בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶר זָאל נִישְׁט מִיטְגֶעשְׁלֶעפְּט וֶוערְן מִיט דִי מְרַגְלִים, [דָאס אִיז דֶער עֶרְשְׁטֶער מְקוֹר צוּ גֵיין אוֹיף קִבְרֵי צַדִיקִים], דִי זֹהַר הַקָדוֹשׁ פְרֶעגְט (שְׁלַח דַף קנח ע״ב): וִוי אַזוֹי הָאט עֶר נִישְׁט מוֹרָא גֶעהַאט פוּן דִי רִיזְן וָואס זֶענֶען דָארְט גֶעוֶוען? נָאר זָאגְט דֶער זֹהַר הַקָדוֹשׁ: מַאן דְאִיהִי בְּדוֹחְקָא לֹא מִסְתַּכְּלָא מִידֵי - וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז אִין אַ צָרָה אוּן אַ עֶנְגֶענִישׁ קוּקְט עֶר שׁוֹין נִישְׁט אוֹיף גָארְנִישְׁט אוּן עֶר הָאט נִישְׁט קַיין מוֹרָא.

דָאס וויסְן, נָאר אויבּ וואוינֶען זֵיי אָפֶּען אָן קַיין מוֹיעֶר אַרום, אִיז אַ סִימָן אַז זֵיי זֶענֶען שְׁטַארְק, און זֵיי הָאבְּן נִישְׁט מוֹרָא פון קֵיינֶעם, אָבֶער אויבּ זֶענֶען זֵיי פַארְמַאכְט און אַרומְגֶענוּמֶען אִיז אַ סִימָן אַז זֵיי זֶענֶען שְׁוַואךְ, דֶערְפַאר הָאבְּן זֵיי אַזוֹי מוֹרָא און זֶענֶען פַארְמַאכְט.

און דָאס אִיז אַ מוֹרָא׳דִיגֶע לִימוּד פַאר אַ מֶענְטְשׁ וָואס וויל לֶערְנֶען פַארְשִׁידֶענֶע הֵיילִיגֶע סְפָרִים, בִּפְרַט אַז עֶר וִויל לֶערְנֶען דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ׳ס סְפָרִים, און עֶס מַאכְט זִיךְ זֵייעֶר אַסַאךְ מָאל אַז מֶען רֶעדְט אִים אָפּ, מִיט דִי טַעְנָה: בַּיי אונְז הָאט מֶען נִישְׁט גֶעלֶערְנְט דִי סְפָרִים! און עֶר וֶוערְט צוּבְּרָאכְן דֶערְפוּן, און עֶר הָאט טַאקֶע מוֹרָא דָאס צוּ לֶערְנֶען, דֶערְפַאר דַארְף מֶען וִויסְן, אַז בֶּאֱמֶת וֶוער עֶס וִויל נָאר דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, און עֶר וויל נָאר מְגַלֶה זַיין דֶעם בַּאשֶׁעפֶּערְס נָאמֶען, הָאט נִישְׁט מוֹרָא אַז מֶען לֶערְנְט אַנְדֶערֶע סְפָרִים, וַוייל וָואס קֶען דֶען גֶעשֶׁעהְן? נָאר אַז מֶען וֶועט אִים אִיבֶּערְלָאזְן! אָבֶער אַז מֶען מֵיינְט אֱמֶת׳דִיג נָאר דֶעם בַּאשֶׁעפֶער, הַארְט נִישְׁט אַז מֶען לָאזְט אִים אִיבֶּער, און

## מֶען וֶוערְט נָאנְט צוּם בַּאשֶׁעפֶער דוּרְךְ אַן אַנְדֶערֶע סֵפֶר, דֶער עִיקָר אַז מֶען וֶוערְט אַן עֶרְלִיכֶער אִיד אוּן מֶען וֶוערְט נָאנְט צוּם בַּאשֶׁעפֶער[11].

[11] עֶס אִיז דָא אַ בַּאקַאנְטֶע תְּשׁוּבָה (שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת דִבְרֵי חַיִּים חֵלֶק ב, חוֹשֶׁן מִשְׁפָּט סִימָן לב), וואו דֶער הֵיילִיגֶער צַאנְזֶער רָב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ פַּסְקֶ׳נְט, אַז רֶבִּי׳סְטֶעוֶוע גֵייט נִישְׁט בִּירוּשָׁה ! עֶס הָאט זִיךְ דֶעמָאלְטְס גֶעהַאנְדֶעלְט אִיבֶער אַ מַחְלוֹקֶת בַּיי דִי קִינְדֶער פוּנֶעם הֵיילִיגְן סְטְרֶעטִינֶער זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, וֶוער עֶס וֶוערְט רֶבִּי, נָאכְדֶעם וָואס זֵייעֶר הֵיילִיגֶער טַאטֶע אִיז אַוֶועק, אוּן אַלֶע מֶענְטְשְׁן זֶענֶען גֶעגַאנְגֶען צוּ אֵיין בְּרוּדֶער, הָאט דֶער אַנְדֶערֶער בְּרוּדֶער אִים גֶערוּפְן צוּ ׳דִין תּוֹרָה׳, אוּן צַאנְזֶער רָב הָאט גֶעשְׁרִיבְן אַז דָאס אִיז נִישְׁט קַיין יְרוּשָׁה זַאךְ, אוּן אַז אַלֶע גֵייעֶן צוּ דֶעם בְּרוּדֶער, מִן הַסְתָּם אִיז עֶר אַ עֶרְלִיכֶער אִיד. דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ אִיז אוֹיךְ גֶעוֶוען בַּיי הֵיילִיגְן רֶבִּי יְשַׁעְיָ׳לֶע קֶערֶעסְטִירֶער זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, נָאכְדֶעם וָואס דֶער הֵיילִיגֶער לִיסְקֶער רָב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אִיז אַוֶועק, הָאט זַיין אֵיידֶעם גֶעזָאגְט: עֶס קוּמְט מִיר דִי רֶבִּי׳סְטֶעוֶוע ! אָבֶּער דֶער עוֹלָם אִיז גֶעלָאפְן צוּ רֶבִּי יְשַׁעְיָ׳לֶע, הָאט עֶר אִים גֶענוּמֶען רוֹדֶף׳ן, אוּן עֶר הָאט זִיךְ גֶעמוּזְט אַוֶועק צִיעֶן צוּ ׳קֶערֶעסְטִיר׳, וָואס אִיז נִישְׁט וַוייט פוּן לִיסְקֶע, אוּן רֶבִּי יְשַׁעְיָ׳לֶע פְלֶעגְט זָאגְן ! לָאזְט מִיר אָפּ, אִיךְ בִּין נִישְׁט קַיין רֶבִּי ! בִּיז דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי מָרְדְכַי מִנַדְבוֹרְנָא זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט אִים גֶעזָאגְט בְּדֶרֶךְ צַחוּת: עֶס שְׁטֵייט (תְּפִלַּת יְקוּם פֻּרְקָן): ׳רַבְרְבַיָּא׳ - דִי גְרוֹיסֶע רֶבִּי׳ס, עִם ׳זְעֵרַיָּא׳ - מִיט דִי קְלֵיינֶע רֶבִּי׳ס וְכוּ׳, ׳וּנְשַׁיָּא׳ - אוּן ׳יְשַׁעְיָה׳ אִיז אוֹיךְ אַ רֶבִּי ! וַוייל אִין הִימְל הָאט מֶען אַזוֹי אוֹיסְגֶערוּפְן.

אוּן דָאס אִיז טַאקֶע גֶעוֶוען דֶער טַעַם פַארְוָואס מֶען הָאט אַזוֹי מוֹרָא גֶעהַאט פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי נָתָן זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, אוּן אֲפִילוּ גְרוֹיסֶע מֶענְטְשְׁן הָאבְּן גֶעקְרִיגְט אוֹיף אִים, וַוייל עֶר הָאט נָאר מְגַלֶּה גֶעוֶוען דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן, אוּן אֲפִילוּ וֶוען דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אִיז שׁוֹין נִסְתַּלֵּק גֶעוָוארְן, הָאט עֶר גֶעהֵייסְן מֶען זָאל גֵיין צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ׳ס צִיוּן, אוּן עֶר הָאט אוֹיסְגֶעלֶערְנְט אַז מֶען קֶען גֵיין צוּם ׳קֶבֶר׳ פוּן אַ צַדִּיק, וָואס דָאס הָאט זֵיי זֵייעֶר וֵויי גֶעטוּהְן, וַוייל אוֹיבּ אַזוֹי, וֶועט מֶען שׁוֹין מֶער נִישְׁט קוּמֶען צוּ קַיין רֶבִּי׳ס, אוּן מֶען וֶועט פַארְלִירְן אַלֶע חֲסִידִים.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָחוּם מִטְשֶׁערְנָאבְּל זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ [12] שְׁרַייבְּט אִין ׳מְאוֹר עֵינַיִם׳ (יִשְׂמַח לֵב, עַל מַסֶּכֶת שַׁבָּת): אֲפִילוּ

---

[12] וָואס וִוי בַּאקַאנְט אִיז עֶר גֶעוֶוען זֵייעֶר זֵייעֶר גְרוֹיס, אוּן עֶר אִיז נָאךְ גֶעוֶוען בַּיים בַּעַל-שֵׁם-טוֹב-הַקָּדוֹשׁ, עֶס אִיז דָא אַסַאךְ סִיפּוּרִים וִוי אַזוֹי עֶר אִיז מְקוּרָב גֶעוָוארְן צוּם בַּעַל-שֵׁם-טוֹב-הַקָּדוֹשׁ, אוּן דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן זַיין הֵיילִיגְן סֵפֶר ׳מְאוֹר עֵינַיִם׳ קֶען מֶען זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן! אַזוֹי וַוייט אַז יֶעדֶע תּוֹרָה וָואס עֶר הָאט גֶעדֶענְקְט אַז עֶר הָאט דָאס גֶעזָאגְט, הָאט עֶר נִישְׁט גֶעוָואלְט אַז מֶען זָאל דָאס דְרוּקְן, נָאר אוֹיבּ הָאט עֶר גֶעפְרֶעגְט:

אוֹיף אַ סֵפֶר פוּן אַ צַדִיק קֶען מֶען זִיךְ מִשְׁטַתֵּחַ זַיין אוּן בֶּעטְן אִין זְכוּת פוּנֶעם צַדִיק, וָואס מֶען דַארְף, פּוּנְקְט אַזוֹי וְוי אוֹיפְן קֶבֶר פוּנֶעם צַדִיק; וָואס דָאס אִיז זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶער חִידוּשׁ, אִיז דָאךְ אַוַודַאי אַז מֶען אִיז מְקוּשָׁר צוּ אַ צַדִיק, אוּן מֶען לֶערְנְט זַיינֶע סְפָרִים אוּן מֶען גֵייט צוּ זַיין קֶבֶר, אַז מֶען קֶען זַיין דָבוּק אִין דֶעם צַדִיק אֲפִילוּ נָאךְ זַיין פְּטִירָה.

מֶען זָאגְט נָאךְ פוּן אַ גָדוֹל אַז עֶר הָאט אַמָאל גֶעזָאגְט אַ וֶוערְטְל, אוֹיפְן פָּסוּק (בַּמִדְבָּר יא, כט): **וּמִי יִתֵּן כָּל עַם ה׳ נְבִיאִים**; ׳וּמִי יִתֵּן׳ - וֶוער וֶועט דֶען גֶעבְּן אַ קְוִויטְל מִיט גֶעלְט, פַּאר אַ פִּדְיוֹן. אוֹיבּ **׳כָּל עַם ה׳ נְבִיאִים׳** - אַז אַלֶע אִידְן וֶועלְן אַלֵיינְס זַיין רֶבִּי״ס אוּן קֵיינֶער וֶועט נִישְׁט קוּמֶען צוּם רֶבִּי״ן מִיט אַ קְוִויטְל.

אָבֶּער אַ צַדִיק וָואס קוּקְט נָאר אוֹיפְן תַּכְלִית, הָאט נִישְׁט מוֹרָא אַז מֶען וֶועט אִים אִיבֶּערְלָאזְן, אַדְרַבָּא, עֶר בֶּעט זִיךְ

---

אִיךְ הָאבּ דָאס גֶעזָאגְט? עֶס קֶען נִישְׁט זַיין, אִיךְ הָאבּ דָאס נִישְׁט גֶעזָאגְט! דַאן הָאט מֶען דָאס גֶעדְרִיקְט, וַוייל עֶס אִיז גֶעוֶוען בַּיי אִים אַ מוֹרָא׳דִיגֶע ׳גִילוּי אֱלֹקוּת׳.

בַּיי זַיינֶע חֲסִידִים: אוֹיבּ הָאט אִיר עֶרְגֶעץ מֶער תַּכְלִית, מֶער תּוֹרָה וּתְפִלָּה, לָאזְט מִיר אִיבֶּער אוּן גֵייט אַהִין! וַוייל דֶער עִיקָר תַּכְלִית אִיז דָאךְ נָאר אֵיין תַּכְלִית מֶען זָאל דִינֶען דֶעם בַּאשֶׁעפֶער. מֶען זֶעהְט טַאקֶע אַז דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן כח): אַ מֶענְטְשׁ זָאל דוּרְךְ גֵיין אוֹיף דִי וֶועלְט אַלֶע סְפָרִים וָואס אִיז נָאר דָא. וַוייל דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט נִישְׁט מוֹרָא גֶעהַאט צוּ זַיין אָפֶען, אוּן אַז מֶען וֶועט לֶערְנֶען אַנְדֶערֶע סְפָרִים.

אָבֶּער אוֹיבּ אֵיינֶער זָאגְט: נֵיין דִי סְפָרִים טָאר מֶען נִישְׁט לֶערְנֶען וְכוּ', אוּן מֶען אִיז זֵייעֶר פַּארְמַאכְט, אִיז דָאס אַ סִימָן אַז מֶען אִיז זֵייעֶר שְׁוַואךְ, אוּן מֶען הָאט נִישְׁט צוּפִיל וָואס צוּ פַארְקוֹיפְן, דֶערְפַאר הָאט עֶר אַזוֹי שְׁטַארְק מוֹרָא אוֹיבּ מֶען וֶועט לֶערְנֶען אַנְדֶערֶע סְפָרִים; בֶּאֱמֶת, אוֹיבּ עֶס שְׁטֵייט עֶפֶּעס שְׁלֶעכְטְס אִין אַ סֵפֶר, אִיז דָאךְ אָפְּגֶערֶעדְט אַז מֶען טָאר דָאס נִישְׁט לֶערְנֶען, אָבֶּער 'נֵיתֵי סֵפֶר וְנֶחֱזֵי'! מֶען קֶען דָאךְ אַרַיינְקוּקְן אוּן זֶעהְן וָואס עֶס שְׁטֵייט אִין דֶעם סֵפֶר אָדֶער קוּנְטְרֵס, עֶס שְׁטֵייט דָאךְ דָארְט אַזֶעלְכֶע שֵׁיינֶע

זַאכְן, אוּן אַזַאלֶעכֶע מוֹרָא׳דִיגֶע הִתְחַזְקוּת, אוּן עֶס רֶעדְט נָאר פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוֹיב אַזוֹי פַארְוָואס קְרִיגְסְטוּ אַזוֹי אוֹיף דֶעם? אִיז דָאס נָאר, וַוייל מֶען דַארְף זַיין פַארְמַאכְט, אַז נִישְׁט וֶועט מֶען אַנְטְלוֹיפְן, אוּן וָואס אִיז דֶען? אַזוֹי וְוִי מֹשֶׁה רַבֵּנוּ הָאט גֶעזָאגְט (בַּמִּדְבָּר שָׁם): **הַמְקַנֵּא אַתָּה לִי? וּמִי יִתֵּן כָּל עַם ה׳ נְבִיאִים.**

י

עֶס אִיז גֶעוֶוען בַּיי אוּנְזֶערֶע לַייט אַ גְרוֹיסֶער צַדִּיק רֶבִּי אֶפְרָיִמְ׳ל מִפְּשֶׁעדְבּוֹרְז זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט עֶר מְדַיֵּיק גֶעוֶוען (מוּבָא בְּסִפְרוֹ עוֹנֶג שַׁבָּת פ׳ שְׁלַח): מֹשֶׁה רַבֵּנוּ הָאט דָאךְ אָנְגֶעזָאגְט פַאר דִי מְרַגְּלִים אַז זֵיי זָאלְן בְּרֶענְגְן פֵּירוֹת פוּן אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל אַזוֹי וְוִי דֶער פָּסוּק זָאגְט (בַּמִּדְבָּר יג, כ): **וְהִתְחַזַּקְתֶּם וּלְקַחְתֶּם מִפְּרִי הָאָרֶץ.** אוּן אַלֶע אַנְדֶערֶע מְרַגְּלִים הָאבְן טַאקֶע גֶעבְּרֶענְגְט פוּן דִי פֵּירוֹת אוֹיסֶער יְהוֹשֻׁעַ וְכָלֵב, וְוִי אַזוֹי הָאבְן זֵיי עוֹבֵר גֶעוֶוען אוֹיף דִי בַּאפֶעל פוּן מֹשֶׁה רַבֵּינוּ?! עֶנְטְפֶערְט עֶר: זֵיי הָאבְן גֶעפָאלְגְט מֹשֶׁה רַבֵּנוּ מִיט דֶעם וָואס זֵיי הָאבְן גֶענוּמֶען דִי נְקוּדָה פוּן ׳וְהִתְחַזַּקְתֶּם׳

וָואס מֹשֶׁה רַבֵּינוּ הָאט גֶעזָאגְט, און זֵיי הָאבְּן זִיךְ מְחַזֵק גֶעוֶוען צוּ גְלֵייבְּן אִין מֹשֶׁה רַבֵּינוּ, און נִישְׁט זִיךְ מְחַבֵּר צוּ זַיין מִיט רְשָׁעִים, וָואס קְרִיגְן אוֹיף מֹשֶׁה רַבֵּינוּ חָלִילָה; וָואס אוֹיף דֶעם דַארְף מֶען הָאבְּן מוֹרָא'דִיגֶע הִתְחַזְקוּת, זִיךְ צוּ הַאלְטְן שְׁטַארְק, און צוּ וֶוערְן אֵיינְס מִיטְן צַדִיק וָואס בְּרֶענְגְט דִיךְ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, און נִישְׁט מִיטְגֶעשְׁלֶעפְּט וֶוערְן מִיט רְשָׁעִים וָואס שְׁטֶעלְן זִיךְ אוֹיף אַקֶעגְן זֵייעֶר אֵייגֶענֶעם רֶבִּי'ן וָואס הָאט זֵיי מְקָרֵב גֶעוֶוען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

## יא

מִיט דֶעם טַייטְשְׁט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א, סִימָן קכט): דָאס וָואס דִי מְרַגְלִים הָאבְּן גֶעזָאגְט (בַּמִּדְבָּר יג, לב): אֶרֶץ אוֹכֶלֶת יוֹשְׁבֶיהָ – אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל אִיז אַ לַאנְד וָואס עֶסְט אוֹיף דִי אַיינְווּאוֹינֶער! לִכְאוֹרָה דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה אִיז דָאךְ אַ 'תּוֹרַת אֱמֶת', וִויאַזוֹי קֶען שְׁטֵיין אִין דִי תּוֹרָה דִי לִיגֶענְט וָואס דִי מְרַגְלִים הָאבְּן גֶעזָאגְט? מוּז דָאךְ זַיין אַז

עֶפֶּעס אַ אֱמֶת לִיגְט אִין דִי וֶוערְטֶער (עַיֵין לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א, סִימָן מז) ? !

אִיז דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי מַסְבִּיר (שָׁם סִימָן קכט), אַז מֶען לֶערְנְט פוּן דִי וֶוערְטֶער אַרוֹיס אַ מוֹרָא'דִיגֶע לִימוּד, אַז דִי לִיבְּשַׁאפְט אוּן צוּגֶעבִּינְדֶענְקֵייט צוּ אַ צַדִיק דַארְף זַיין אַזוֹי שְׁטַארְק, אַז מֶען זָאל וֶוערְן אִיבֶּערְגֶעגֶעסְן צוּם צַדִיק, אוּן וֶוערְן אֵיינְס מִיטְן צַדִיק, אַזוֹי אוֹיךְ 'אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל' וָואס דָאס וַוייזְט אוֹיף 'אֱמוּנָה', דַארְף אַ אִיד וֶוערְן אִיבֶּערְגֶעגֶעסְן אִין דֶעם, בִּיז עֶר וֶוערְט אֵיין שְׁטִיק אֱמוּנָה, אוּן עֶר וֵוייסְט נָאר פוּן רֶעדְן צוּם בַּאשֶׁעפֶער יֶעדֶע זַאךְ, אַזוֹי וִוי דֶער פָּסוּק זָאגְט (דְבָרִים י, כא): הוּא תְהִלָּתְךָ וְהוּא אֱלֹקֶיךָ; דֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיז בַּיי מִיר אַזוֹי אָפֶען אוּן קְלָאר, אַז אִיךְ מוּז יֶעדֶע זַאךְ נָאר רֶעדְן צוּ אִים, אוּן אִיךְ קֶען מִיךְ פוּן דֶעם נִישְׁט אָפְּרַייסְן, אוּן עֶס אִיז שׁוֹין בַּיי מִיר נִישְׁטָא עֶפֶּעס אַנְדֶערְשׁ נָאר דִי בַּאשֶׁעפֶער, אוּן רֶעדְן צוּ אִים, וַוייל נָאר עֶר וֶועט מִיר פַארְשְׁטֵיין.

אָבֶּער אִין אַ ׳בָּשָׂר וָדָם׳ קֶען מֶען נִישְׁט גְלֵייבְּן אוּן גֶעטְרוֹיעֶן, נִישְׁט קַיין חִילוּק וִוי נָאנְט עֶר זָאל נָאר נִישְׁט זַיין, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט בַּיי אַבְרָהָם אָבִינוּ (יְחֶזְקֵאל לג, כד): **אֶחָד הָיָה אַבְרָהָם!** אוּן אֲפִילוּ אַלֶע זֶענֶען גֶעוֶוען אוֹיף אֵיין זַייט, אִיז עֶר גֶעוֶוען אוֹיף דִי אַנְדֶערֶע זַייט, אוּן גֶעשְׁרִיגְן: עֶס אִיז נָאר דָא אֵיין בַּאשֶׁעפֶּער! כָאטְשִׁיג זַיין אֵייגְן קִינְד יִשְׁמָעֵאל מִיט זַיינֶע קִינְדֶער, הָאבְּן אִינְגַאנְצְן נִישְׁט מִיטְגֶעהַאלְטְן מִיט אִים, אַזוֹי אוֹיךְ בַּיי זַיין אֵייגֶענֶע וַוייבּ ׳שָׂרָה אִמֵּנוּ׳ שְׁטֵייט (בְּרֵאשִׁית טז, ה): ׳חֲמָסִי עָלֶיךָ׳ - זִי אִיז גֶעוֶוען בְּרוֹגֶז אוֹיף אִים (בְּרֵאשִׁית רַבָּה מה, ה), דָאךְ הָאט עֶר זִיךְ פוּן גָארְנִישְׁט אָפְּגֶעשְׁטֶעלְט אוּן גֶעבְּלִיבְּן שְׁטַארְק מִיט זַיין אֱמוּנָה.

דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ אִיז בַּיי דִי הִתְקַרְבוּת צוּ אַ צַדִיק, דָאס דַארְף זַיין אַזוֹי שְׁטַארְק בִּיז מֶען וֶוערְט אִיבֶּערְגֶעגֶעסְן צוּם צַדִיק, אַז מֶען קֶען אִים שׁוֹין נִישְׁט אַוֶועקְנֶעמֶען פוּנֶעם צַדִיק, וִוייבַּאלְד עֶר אַנֶערְקֶענְט אַז דֶער רֶבִּי הָאט אִים אַ טוֹבָה גֶעטוּהְן, אוּן גֶערַאטֶעוֶועט זַיין לֶעבְּן, אוּן בִּיז הַיינְט

אִיז עֶר אִים מְחַיֶה, דָאס אִיז דִי שְׁלֵימוּת פוּן זַיין מְקוּרָב צוּם צַדִיק.

דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים זָאל הֶעלְפְן אַז מִיר זָאלְן זוֹכֶה זַיין און קוּמֶען צוּ דֶעם.

~תַּם וְנִשְׁלַם שֶׁבַח לָאֵל בּוֹרֵא עוֹלָם~


בס"ד
בשורה טובה
ומשמחת!
שוין יעצט
דא צו באקומען
אפגעשיקט יעדע וואך
צו אייער
טיר
אויף די פאסט
די שטארק אויפגעכאפטע
וועכנטליכע קונטרסים
עצתו
אמונה
הערליכע בריוו, שאלות
ותשובות אין אלע אקטועלע
נושאים אין טאג טעגליכן לעבן,
געשריבן דורכ'ן ראש ישיבה
הרה"ג ר'
יואל רוטה
שליט"א
היכל הקודש
רופט אדער טעקסט
קרן הדפסה היכל הקודש
718•387•2691
אדער שיקט א אימעיל צו: subscribe@kerenhadfusa.org
חיזוק
אום טיר
goodpointmediainc@gmail.com